STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02881

FUN VEY UN GLOYBN

I. Z. Shargel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב צבי שארגעל / פון וויי און גלויבן

דעם גרויסן פּרינץ פֿון ייִדיש
גרשון [illegible]
מיט גרויס פֿרײַנטשאַפֿט —

י. צ. שארגעל

20/5/1959
פּתח-תקוה.

יעקב צבי שאַרגעל

פון וויי און גלויבן

ל י ד ע ר

פאַרלאַג
י.ל.פּרץ
ביבליאָטעק
תל־אביב, ישׂראל

1959

יעקב צבי שרגל / משירי הצער והאמונה

IAACOV ZVI SHARGEL

WITH SORROW AND FAITH

POEMS

פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב

Publishing I. L. Peretz Library,
31 Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל

Printed in Israel 1959

דפוס „א ר ז י", ת"א־יפו. טלפ. 83331.

*

דער אָפּקלייב איז, ווי תמיד, אַן אינטימער.

דער צייט־אָפּשניט נײַנצן־נײַנאונדרײַסיק — נײַנצן־נײַנאונ־פופציק האָט טאָג־איין טאָג־אויס גערופן צום לעבן דאָס ליד. און צ ײ ט לייגט איר חותם אויף יעדער יצירה. האָבן בלויז אַ טייל פון די דאָזיקע לידער, געשאַפענע אין דער צ ײ ט זוכה געווען צו זען די ליכטיקע שיין אין צײַטונגען, אין זשורנאַלן, אין זאַמלביכער, און אַ טייל — פאַרמשפט געוואָרן לגניזה. אויך איייניקע פון די שוין־פאַרעפנטלעכטע, טיילן זייער גורל מיט די לעצטע — זיי זענען אין אָט־דעך זאַמלונג נישט אַריין. ווייל דער אַפּקלייב איז, ווי תמיד, אַן אינטימער.

דאָס נישט באַווייזן זיך מיט אַ זאַמלונג, אַ בוך אין אָט דער צייט איז נישט געווען קיין צופאַל. אדרבה, דער ווילן דערצו איז שוין גראָד געווען און געווען.

דעריבער —

מיין דאַנק, מיין טיפסטער, און דער דאַנק פון מיינע לידער — פון דעם טייל וואָס זענען איצטער זוכה צו אַן אייגענער חיים — געווענדט צו מרס. בעלאַ זאַוועלס אין טשאַטאַנוגאַ, טענעסי, מיין ליבע שוויגער, און צום יידישן פען־קלוב אין ניו־יאָרק פאַר דער שיינער מתנה — דאָס פאַפיר פאַר דער דאָזיקער זאַמלונג.

י. צ. ש.

ווינטיקער אנזאג

פרעליוד צום יאָר 1939

די נאַכט — אַ שוואַרצער פלעק אויפֿן הייליקן סילוועסטער —
האָט געזעצט זיך רייטן אַזיף די וועגן.
אַרויסגעיאָגטע קינדער ביים וואַלד, מיט טריפנדיקע אייגעלעך פרעגן:
ווער האָט אונדז אַוועקגערויבט דעם טאָג? —
ווער האָט אונדז אַוועקגערויבט די היים?
ווער האָט אַרויסגעלאָזט פֿון באַהעלטעניש די שרעק?!

דער שבת איז אַוועק.
דער פראָסט לעקט־אויס ס'לעצטע ביסל חיות
ביי געבונדענע אין לאַגערס און אין תפיסות.
די קלויסטערס זענען פול מיט מתפללים אויף די קניעס —
דער שוואַרצער האַר גרייט איצט נייע אַרבע מיתות...

דער שבת איז אַוועק.
אויף ימען בלאַנקען שיפֿן מיט שטאַרבנדיקע יידן;
אויף פעלדער פוילן שפּאַניער און כינעזער;
אַ פויערל, פֿון פאַרצווייפלונג, האָט דעם צלם היינט געלעסטערט
און דעם גרויסן, דערבאַרעמדיקן דערלייזער.

ס'יאָר איז אַוועק.
אַ ווינט אַ ווילדער יאָגט עס נאָך מיט וואָיענדיקע קללות.
די מוטער רחל באַוויינט די קינדער מיט ביטערע יללות.
די יונג־פרוי ביים כנרת טרייסט זי און באַדויערט — — —
דער גלאַנץ פֿון באַגנעטן שניידט די שוואַרצקייט האַקנקרייציק,
און אַלע גרענעצן שרייען אויס אין מורא: —
אַ גוט־יאָר דיר, יאָר ניינצן ניינאונדרייסיק! — — —

טבת

פאַרטאָג. —
אַ נידעריקער הימל.
כמאַרעס — אָנגעגאָסענע, שוואַרצע.
רעגן גיסט — נישט שלאָף און נישט דרימל —
ווי ס'וואָלט צוגעקוועטשט דעם הימל ביים האַרצן.

פאַרטאָג אין קאַלטן טבת. —
גרויקייט פרעסט די ווענט.
אומעטיקע הייזער — מצבות,
נישט נאַכט און נישט טאָג
עס גיסט און גיסט דער רעגן.

לויפן טריט אין שוואַרצקייט פאַרטייעט,
דער ווינט שמייסט און קאַטעוועט דיביימער.
שאַקאַלן וויינען — הונגעריקע חיות —
געוויין שניידט זיך איין אין די ביינער.

קולות שרייען איבער איינס דאָס צווייטע, —
ס'נעצט אַריין דער רעגן אין באַראַקן,
דער ווינט ברענגט אומעט פון די ווייטן —
עס רינען טרערן אויף שויבן און אויף באַקן.

(1939)

ש ק י ע ה

גאַס־אויס, גאַס־איין אין גליווער,
דער טאָג נייגט־אַראָפּ צו דער פרעמד,
די וועלט — אַ קראַנקע אין פיבער,
ליגט אויף גאַסן פאַרפייניקט, פאַרקלעמט.

שטאָט־אויס, שטאָט־איין — ירידים,
די נויט ליגט צעשפּרייט איבער מערק,
עס וויינען פויערים און פעלדער און יידן —
אין מערב צעצינדן זיך די בערג.

וואַלד־אויס, וואַלד־איין — שריפות,
דער הונגער וויינט אַרוים פון די מערק,
סעדער וואַרפן־אָפּ רייפע פירות —
אין מערב צעצינדן די בערג.

פעלד־אויס, פעלד־איין — בלוט,
געשריי טרייסלט־אויף אַלע מערק,
אין שקיעה צעפלאַקערט זיך דער מוט —
אין מערב ברענען רויטע די בערג.

(1939)

דעם פרילינג אַנטקעגן

באַנאַכט האָבן הימלען געוואָלקנט,
געצוואָגן די בלעטער און גראָזן,
די סעדער מיט גאָלדענע פּירות
האָבן ווארעמע ווינטן צעבלאָזן.

די שפע געהויבן פון דר'ערד
מיט ברכה פון זעט און מיט פרייד,
דער ים — אין ברוגזן ברומען, —
ט'צערווישט דעם דאַנק און די רייד.

דאָס זאמד איז געוואָרן דאַ הארט —
פארשטיינט פון נאַכטיקן רעגן,
דאָס געזאַנג פון דער ערד — ניי געבוירן,
איז אַרויס דעם פרילינג אַנטקעגן.

די שוואַלב האָט געצוויטשט אין מיין פענצטער,
אַנטקעגן — די פאַרבן פון בויגן;
די פלאַנץ, דאָס גראָז און דער בוים,
געזונגען צו מיינע זוכנדיקע אויגן.

דער מאַנדל איז געשטאַנען אין ווייסן,
די בין האָט אויסגעטאַנצט: שבט!
כ'בין געלאָפן פון איין בוים צום צווייטן,
איך האָב געוועגדט זיך צו קנאָספּ און צו בלאַט.

כ'האָב געשטרעקט די הענט צו די ווייטן: —
זע נאָר, ווי שיין איז דאָס לאַנד!
וואָסזשע שרייט עס אַזוי אין מיין אויער?
וואָס ציטערט אַזוי איצט מיין האַנט?

וואָס רוישט עס אַזוי אין מיין מח —
פון וואַנען דאָס וועלפּיש געהויל?
ווער וועט די שלוה פאַרהיטן
און דעם שמייכל פון קינדערשן מויל?

ווער וועט אונדז ווייזן אַ צייכן —
פאַרטרייבן דעם פּיין פון די שטיבער?
פון וואַנען קומט־אָן דאָס פאַרגלייכן
מיט היים מיינער, אַלטער און ליבער?...

האָט דער ווינט אַ בלאָז־געטאָן וואַרעם
און די זון איז אריבער דעם בויגן.
די פלאַנץ, דאָס גראָז און דער בוים
ריידן צו מיינע זוכנדיקע אויגן.

(1940)

אין ערב טאָג

ווײנט און קלאָגט אין ערב טאָג דער הימל,
שפּיגלט־אָפּ, באַווײַזט די טיפן, די תהומען: —
אַז פאַרגאָסן בלוט — אין פאַרוואָגלטן דרימל —
ליגט צופיסנס די געשאָכטענע טרוימען.

אַז פאַרגאָסן בלוט — אויף פעלדער, אויף לאָנקעס
און די נאַכט גייט אַלץ נאָך נישט אוים;
אַז די וועלט — אַ זעלנער אויף חורבות,
פאַרט זיך מיט אַ דורכגעפוילטער שוים...

בלויז אַ מאַמע זוכט איר זון און זי ווײנט,
דער רויטער מאָרגן־שטערן — איר טרער;
די ערד ווערט פאַרדאַרט און פאַרשטײנט,
אויף אַן אײנגעפאַלן טויער ברענט נאָך די לאַמטער.

עס ברענען נאָך פאַרבלײבעכצן, סמנים,
און דער הימל אויף די בערג פירענער,
עס ברענט אַ פאָלק, וואָס פאַרלוירן האָט ס'פּנים,
און דער צלם, וואָס לעשט זיך מיט אַ טרער...

ס'ברענט מײַן לאַנד ביים ירדן — ס'צוגעזאָגטע לאַנד! —
און מײַן היים בײַ דער ווײסל, ביים ניעמאַן, ביים דניעסטער,
נאָר עס שטומען אַלע טרוימען, — אויך דאָס בילד אויף דער וואַנט!
און עס שווײַגן מײַנע ברידער און שוועסטער.

שרײַט אין מיר און ווײנט מײַן יעדער גליד,
אין די אָדערן שלאָגן דורות און זיי מאָנען: —
אין אַ שווערד 'זאָלסט פאַרוואַנדלען הײַנט דײַן ליד
און דײַנע רייד — אין פלאַטערדיקע פאָנען!

ערשטער מאַי

ווייסע רויזן ברענען אויף מיין טישל.
געזאַנגען אָפּגעהאַקטע אויף די ווענט.
בלויער דעמער ריזלט — ריטשקעלעך אויף לאַנקעס,
די זון פאַרגייט. —
עס גייט אַוועק דער יום־טוב.

דער לאָמפּ צינדט זיך רויט. כ׳שווייג.
מיין אָטעם האָט זיך פאַרהאַקט נאָך ערב טאָג.
מיין טאַטנס קול בלויז שרייט אַרויס פון מיר: —
ש ל אַ ג!
אין יענער זייט האָריזאָנט —
מאָסקווע, מאַדריד, פּראָג.

דער טאָג רינט, רינט, רינט.
די ווייסע רויזן ברענען.
וועמענס טאָג? וועמענס נאַכט? ווער — אַצינד?
בלוט אויף זאַמד, אויף שניי, אויף שטיין —
רינט, רינט, רינט.

דער לאָמפּ צינדט זיך רויט.
כ׳שווייג.
אַ ווינט טראָגט־אָן גרויסן פונעם פראָנט.
די ווייסע רויזן לעשן זיך. — עס גרויט.
איך קוק אַריבער אויף יענער זייט האָריזאָנט.

(1938)

אין שעה פון גורל

רויט רייסט־אויף דעם באַגין
דאָס ווינטיק געפּעכט פונעם חורבן.
ליכט קלאַפּט־אָן אין די טויערן.
דאָס געוויין שטילט נישט אײַן אין באַגין,
אין ערב פון נייעם געבוירן.

רויט שלאָגט־אַדורך דורך די בערג
צעפּאַלט זיך ביי שוועל פון מיין טיר.
די נאַכט הויכט אויס די נשמה.
פייגל זינגען שירה אויף די בערג —
דאָס ליד פון וויסטער נחמה.

גרין שטייען אויף אַלע גראָזן,
מיט רויש און מיט רעש און תפילה.
די נאַכט גייט אַוועק פון דער ערד.
די שוועלן — באַוואַקסן מיט גראָזן,
די הייזער — חרוב צעשטערט.

אַ רוף שניידט־אַדורך דורכן עטער,
צעפּאַלט זיך אין שפּאַלט פון מיין לאָדן.
ס'איז סיון־נאַכט און סליחות־געפּריר.
דער ברענענדיקער סם אינעם עטער
הויערט ביי שוועל, ביי טיר.

רויט פלאַטערט־אויף איצט מיין האַרץ
אין שעה פון גורל, פון ערב,
דער טוי וואַשט אויס מיר די אויגן.
וואָס זאָגסטו מיר אָן איצט מיין האַרץ? —
דעם הימל שניידט אַדורך אַ רעגנבויגן.

(1940)

עס ווײנט דער הימל

דער הימל ווײנט —
וואָלקנס — שוואַרצע כמאַרעס פֿון אַבלדיקע מאַמעס —
יאָגן־אָן פֿון מערבֿדיקן האָריזאָנט;
דער רעגן פֿליוכעט מיט בײזער און געבריל.
די נאַכט הויכט־אױס ריחות פֿונעם פּראָנט,
וואָס קומען אָן אין בלוט אײנגעהילט.

דער הימל ווײנט —
מיט צעבראָכן האַרץ ער שפּיגלט־אָפּ די תּהומען —
דאָס חשכות פֿון דער ערד דערגרײכט האָט די הײכן!
איך נישטער צופֿיסנס אַלע טרוימען
און קען נאָך אַלץ נישט זיך אַלײן דערגרײכן.

דער הימל ווײנט —
עס לײטערט זיך זײן פּנים.
עס לערן זיך אױס די אָנגעפֿילטע לאַגלען.
לאָמיר גײן אַרױס צו קבלת־פּנים,
לאָמיר אױפֿנעמען אַלע די וואָס וואָגלען.

(1940)

* * *

דער טאָג האָט פאַרראַטן. —
כ׳בין אין מרחב אַ שטיין.
וואוהין וועט גרייכן מיין ווייאיק געוויין?

אַט זענען די אויגן,
דאָס ליכט,
דאָס געביין, —
אַט איז אַ הימל אין בלויען חן;
אַט האָסטו שטערן,
דעם מילכוועג,
דעם בער,
פאַר וואָסזשע פאַרפרירט אין אַב מיין טרער?

און אַט — די שוואַרצקייט
ווערט שוואַרצער נאָך,
בלינדער;
אַט שרייט דיר נאָך
געשריי פון קינדער;
אַט הערסטו שפּעטן,
אַט — לאַכן ביז מיד.
ווער האָט פאַרראַטן?! —
עס ווייגט אין עלנט אַצינדערט מיין ליד.

די נאַכט ברעכט איין

שטיל. שוואַרץ דער פירמאַמענט.
עס גליט און פיבערט דער דרויסן. —
דער ברוינער סאָלדאַט, מיט אָפּגעהאַקטע הענט,
באַדאַנקט איצט זיין פירער, דעם גרויסן.

נאַכט. עס וואַקסן די שעהן.
עס רופן זיך איבער די פליינען. —
אויף חרובער היים — מחנות מיט קראָען,
פאַרשרייען דאָס עלנטע וויינען.

נאַכט. נידעריקער הימל.
שאָטנס שווימען־אָן ווי קריעס.
די נאַכט ברעכט־איין אינעם שטייגן. — — —
די וועלדער באַפּרוכפּערט מיט תליות.

שפּעט. דאָס שווייגן צעשרייט: —
פון וואַנען אָט דאָס רוישן און וווהין?
איך שטוים אוים די אויגן צו ברענענדיקער ווייט. —
וואָס טוט איר, מיינע ברידער, אין לובלין?

חצות. עס שפּאַלטן זיך די ווענט.
אַ בליץ שניידט־דורך אינעם עטער. —
אָט זע איך מיינע שוועסטער געשענדט
ביי די טויערן פון טויט — אינעם געטאָ.

שפּעט. עס גליווערן די ווענט.
דאָס בלוט ווערט פאַרשטאַרט אינעם שווייגן.
די רגע צעוואַקסט. עס פלאַמט דער פירמאַמענט.
די נאַכט ברעכט־איין אינעם שטייגן. — — —

ר י י ט ע ר

מיט פאַנען פון שוואַרצע געוואַנדן,
מיט שאַרבן און נאַקעטן ביין.
איבער בערג און אין טאָלן זיי לאַנדן,
זיי ציען לאַנד־אויס און לאַנד־איין.

פון אַלע פיר זייטן זיי קומען,
פאַרדאַרבער אויף טויאיקן פעלד,
דער הימל אין שריפות פאַרנומען
לאָזט זיך נידעריק אַראָפּ צו דער וועלט.

די נאַכט, אין זילבערן געלייטער,
פיבערט ביי מיין טיר און זי ציטערט.
פון אַלע פיר זייטן — רייטער,
קומען־אָן מיט ווילדן געוויטער.

די לבנה — אַ גלאָזונע אַ רויטע,
צעפלאַקערט אין אָנבליק פון שווערד.
זיי לויפן מיט אָנזאָג פון טויטן,
מיט כאַמסינישע ווינטן צו דר'ערד.

עס קומען די קלאַנגען, די עכאָס,
צערייסן דעם טאָג און דעם שלאָף. —
מיט גיפטיקע וויינען אין בעכערס,
מיט לידער פון פיין און פון שטראָף.

צינדט זיך מיין שוועל אָן — אַ שייטער!
וואָרנט און וועקט־אויף דאָס לאַנד: —
פון אַלע זייטן — רייטער,
קומען אָן מיט מגפה און בראַנד!...

(1940)

שטויב

א.

די זאַטע קאַץ ניורעט און באַלעקט זיך,
אויפן פּנים פונעם קינד שוועבט אַרום אַ פרייד.
דער סימן אויף אַ גאַסט האָט פּלוצלונג אויפגעוועקט זיך, —
וואָס וועט קומען, ווער קומען פון דער ווייט...

טויב הילכט־אָפּ דער טראָט אויף ברעטערדיקן דיל,
עס שרייט אַרויס דער אומעט פונעם דנאָ.
דרויסן שפּילט דער ווינט אין וואָרעם און אין קיל
און פאַרשפּילט זיך אין דעמערדיקן בלאָ.

דרויסן איילט דער ווינט, פאַרמעסט זיך אויפן צריף,
וואָס שטייט אַליין — דער לעצטער אין דער ריי;
מחשבות שניידן איין זיך אין דער טיף:
דעם גורל וועסט נישט פאַרמיידן סיי־ווי־סיי...

ב.

אין דער געגנט האָט אַ יאָג־געטאָן אַ וויכער, —
עס האַלט שוין נאָענט, דערגרייכט שוין באַלד ס'שטעטל,
קיינער איז נישט ערוב און נישט זיכער,
אַלע וואַכן, אַלע גרייטן זיך און גרייטן.

די יונגע האָבן זיך אָנגעטאָן אין כאַקי,
אויסגעלערנט שיסן, היטן די פאַרמעגנס,
דאָס שטעטל האָט אַ ציטער־געטאָן, אַ וואַקל,
די כאַקי־יונגען צעשטעלט ביי די וועגן.

די פאַבריק האָט זיך ווײַנענדיק צעפּייפט,
מיט לעצטן שאַל, ווי שופר סוף יום־כיפור,
שטאַר געקוקט אויף אַרבעטערס געלייף,
ווי עמעץ וואָלט געריסן פון איר שטיקער.

מיט רחמנות האָט זי נאָכגעקוקט די יונגען: —
אויסגעלאָשן די נאַכטיקע אשמורה!
אַ שטויב האָט אירע קוימענס אײַנגעשלונגען. —
אויפן שול־דאַך האָט זיך צעצונדן די מנורה.

דער שבת האָט אַרײַנגעשפּאַנט אין יישוב,
די טאַטעס האָבן קידוש פרום געמאַכט,
מיט באַרוועסע פּיס און מיט כישוף,
האָט אַרײַנגעשפּאַנט אַ זילבער־ווײַסע נאַכט.

ראַדיאָ־ירושלים האָט געציקלט די הפטורה,
ביי לעצטע צריפים האָבן אָפּגעענטפערט הינט;
פון אַ מויער אַנטקעגנאיבער דער מנורה,
האָבן אַרויסגעגליטשט זיך טענער פון „פער גינט".

און לבנהדיקער זילבער, באַווייסט אַלע דעכער,
אַ זאַמדווינט אַ הייסער טונקלט אוים דאָס ליכט,
אַ פלאַם פון סעדער רייסט אַרויף זיך העכער,
שפּייט אַריין דעם הימל אין געזיכט.

צינדט זיך אָן לבנה, אַפּנים — זיך פאַרשעמט,
רויט זי קוקט אויף שטעטל און טשעקאַווע,
די באַראַקן ליגן אײַנגעשרומפּט, פאַרקלעמט. —
די שנאה האָט אַ פלייץ־געטאָן — אַ לאַווע.

ג.

פון פאַבריק ער איז געקומען מיט אַ צייטונג אין דער האַנט
און מיט ווייטיק איינגעפּרעסטן אינעם מויל,
די אותיות שרייען־אויס דאָס געשריי פונעם לאַנד: —
דאָס בלוט, דעם אומגליק און דעם גרויל.

די ווערטער, אין געפּויק, קלאַפּן־אויס טרעוואָגע,
די פאַרב, — שרייט מיט ריחות פון געפּאַר:
אַ לאַנד — אַ צעווירטער דור־הפלגה,
טרינקט זיך אין פלאַמען און אין צער.

עס איז אויפגעגאַנגען שנאה און פאַרדראָס.
נעכט און טעג גייען אויס אין געוויין,
כאַטש אויף זאַמדן האָט שוין אויפגעגרינט גראָז,
און שוין אויפגעאַקערט ערד צווישן שטיין.

אַ פּיינטשאַפט יאָגט אָן, ווי שאַקאַלן,
וויל פאַרשלינגען, וויל פאַרניכטן ביזן ראַנד,
כאַטש שוין אויפגעגראָבן ברונעמער און קוואַלן,
פּייכט געמאַכט די ערד און דאָס זאַמד.

טויט אַ נעפּל אין מח אַרומשוועבן,
און אַ חלום פון שטערבן און באַגערן. —
אַ הייסער ווינט האָט אָנגעהויבן וועבן,
עס ברומען דרויסן טויזנט ווילדע בערן.

אויף שבת־טיש הויערט אַזאַ טרויער —
אַ פּחד פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען.
פאַר די אויגן דער שטויב, אָט דער גרויער —
גייט דאָס עסן נישט אַראָפּ פונעם גומען.

בלייבט דאָס שטיין אויפן טיש, אויף געשפּרייטן,
און ס׳קוקן אָן איינס דעם צווייטן — ווייב און מאַן.
וואָסזשע איז דאָס, וואָס טוט זיך אַזוי גרייטן?
וואָסזשע גייט מען דאָ אַרום אַזוי געשפּאַנט? —

און ס׳איז פּרייטיק ביי דער נאַכט אינעם העק,
און ס׳איז שבת אין אייגענער היים,
ווי דער לייכט-טורעם — מיט ליבע און שרעק,
צום קינדס בעטל יעדער קוקט אין געהיים.

ווי פון דאָרטן דאַרף קומען אַ העלפער.
נאָר אין בעטל — בלויז קינדישער חן.
זיי זוכן מיט אויגן אַזעלכע —
ווען ס׳וואָלט קומען כאָטש עמעץ צוגיין!...

נאָר ס׳קומט קיינער נישט אַהער מיט נייס,
כאָטש עס לעקט זיך די קאַץ אין איר ווינקל.
דער שטויב איז געשפּרייט אַזוי ווייס
און מיט סוד אין דער נאַכט אַריין פאַרזונקען.

ד.

מיט פאַרמאַכטע אויגן אַריין אין ווייטן שבת,
אויף ווייס געלעגער, פּרייטיק אין דער נאַכט. —
אין שטילקייט פרעסיקער, — עס יאָגט אַרום פאַרדאַכט.
אויף הייסע ליפּן אַ ברייטער „ברוך-הבא״. —
פאַרטייעט קוקט אין צריף אַריין די נאַכט.

מיט פאַרמאַכטע אויגן ער זעט זיך דאָ אַליין,
כאַטש מיט אים איז די ווייב און דאָס קינד. —
(די נאַכט האָט די אויגן אויך צוגעמאַכט אַצינד.)
אַ גאַנצן אָוונט עס שטיקט אים אַ געוויין,
ווי ס'שטיקט אַרום דער מדברדיקער ווינט.

דאָס שבתדיקע העמד וואַרט אויף אים און גליווערט.
ביי דער זייט ליגט דאָס ווייב מיט ציטער און הכנעה.
זי שטומט און זי שווייגט כאַטש עס שרייען אירע גלידער.
זי קוקט אַרויס צום דרויסן, דעם לבנהדיקן בלאָעם,
מיט בעטלדיקע אויגן, ווי איר מאַמע אינעם סידור...

איר קליינער קאָפּ, דער אויסגעבלייכטער קאַשטאַן-שויבער,
די ווייסע ברוסטן — פלאַטערדיק דערהויבן,
אין העמד, אין אויסגענייטן מיט ליבשאַפט אַ פאַרגרייטע.
און עס גליט אַזוי איר לייב — אַ פיבער און אַ שוידער —
ער זעט זיך דאָ אַליין, אַ פרעמדער און אַ ווייטער.

ביי איר — אַ קוואַל פון טרערן און מאַמע-צאַרטע רירן,
ביי אים — פאַרמאַכטע אויגן און זעענדיקע לעכער.
דער ווינט כאַפּט-אָן דעם דאַך, בייטשט אים אין די בלעכן. —
דער דרויסן בייט דאָס פּנים — די נאַכטיקע קאָלירן.
מיט פאַרמאַכטע אויגן דעם שטורעם טוט ער שפּירן.

אַ ווייסער שטויב האָט אָנגעפילט דעם צריף.
אַ ווייסקייט, ווי פון צפון-לאַנד דעם קאַלטן.
אַ נעפּל רייסט אַריין זיך דורך די שפּאַלטן.
די שטילקייט שניידט אין נעפּל, ווי אַ שיף. —
נישטאָ זיך ווו אַהינטאָן, ווו באַהאַלטן.

ווי די גאַנצע שטוב וואָלט אַנגעהויבן פֿאַלן —
ער זעט נישט מער קיין באַלקן און קיין ווענט.
אַ, קומט צו הילף, איר מוסקלדיקע הענט! —
ס׳האָט אַ יאָג-געטאָן פון בארג מיט שאָקאָלן;
פון פאַבריק האָט אַ יאָג-געטאָן צעמענט.

געוויינען האָבן אַ שנייד-געטאָן די אויערן,
געוואַלדן האָבן פֿולגעמאַכט דעם חלל,
געשרייען האָבן געריסן אָן צאָל אים. —
דורך ווייסע נעכט, דורך אַנגעהויפּטער מורא,
זיך פֿליגלדיק צעשוועבט האָט זיין חלום.

ער לויפט אַרום פון שמחה איבער גאַסן:
ענדלעך אים באַשטעטיקט צו „עליה”! —
ער וועט לויפן פון דער שנאה, פונעם האַסן,
ווי איינער, וואָס אַראָפּ פון דער תליה.

ער וועט ווערן דאָרט אויסגעגלייכט מיט אַלע.
ער וועט לעבן אין אַרבעט און אין פרייד.
אויף הוצאות האָט געזאָרגט שוין די כלה,
באַגלייט מיט ליבע שטילער און גוטע רייד.

מיט זיין קומען וועט זיך שטילן דאָרט ס׳פייער,
וואָס שוין אָפּגעקאָסט לעבנס אָן-אַ שיעור.
וועט צולייגן זיינע הענט — אַ צושטייער
צו דער רו, זי זאָל קומען, און וואָס פריער...

מיט קדושה ער וועט אַ טאַנץ-טאָן קעגן לאַנד,
ווי זיין טאַטעביים מקדש-זיין די לבנה;
דריי מאָל „שלום” — מיט אַ בלוטנדיקער האַנט,
ער וועט געבן דער מאַמע ציון — דער אלמנה.

ער וועט זי טרייסטן, ווי עס טרייסט אַמאָל אַן אבל
דעם אַנדערן, וואָס איז, ווי ער אין צער;
ער וועט זי בויען, ווי די צריקגעקומענע פון בבל. —
עס שפּריצט פון אים אַ פרייד אַזאַ און שפּאַרט...

הוירא-טענץ, געזאַנגען, און געוויינען אַן אַ שיעור,
גויים לאַכן אוים און — באַדויערן...
האָט צעבראָכן אַלע בריקן, אַ קלאַפּ-געטאָן די טיר,
ער וועט עפענען נייע טירן-טויערן.

ר׳האָט אַ בליק-געטאָן אויף שטעטל מיט אַ כיוון,
אין האַרצן האָט אַ נאָג-געטאָן, אַ ריס: —
זיין יוגנט איז פאַריתומט דאָ געבליבן!
עס וואַקלען און שיכורן די פיס...

פורן... באַנען... אַ שיף... אַ ברעג....
גאָלד האָט אַ פלייץ-געטאָן אַנטקעגן.
מיט אומגעדולד זיי ציילן שוין די טעג,
מיט אומגעדולד די אויגן זייערע פרעגן:

וואָס איז דאָ — חיפה?! תל-אביב?!
און ווי ווייט איז נאָך פון דאַנען צו פאַבריק?
ביי אַ נייעם פּאָרט געאַנקערט האָט די שיף;
ביי נייעם ברעג געפייכט האָט זיך דער בליק.

אויף נייעם וועג. — ביי קרובים אין יאַדזשור.
ער אַרבעט אין פאַבריק פון צעמענט.
אַן אייגן צריף ער וועט האָבן אויף דער וואָר,
שוין אויסגעגאָסן אַ בעטאָנעם פונדאַמענט.

א פּראָסטער מענטש. ער וואַרט בלויז אויף באַפעלן,
ווי אַ לעבן-לאַנג זיין פּאַטער אויף שופר של משיח,
ער קען שוין אַלע טירן, ער ווייסט שוין אַלע שוועלן, —
איז גרייט צו זיין אַלעמענס שליח.

ווי אַ באַרוועסער אויף גלאָז — ער טרעט צווישן לייטן.
ער פרייט זיך מיט יעדן איינעמס פרייד.
נאָר בענקט נאָך יענע מענטשן, בענקט נאָך יענע צייטן,
און נאָך פּראָסטע און היימיש-גוטע רייד.

אַז עס קומען נייע „עולים" ווערט ער מונטערער און יונגער,
ער שטרעקט זיי אויס אַ האַנט — אַ האַרטע און אַ שווערע;
כאַטש אַ נייע שפּראַך פלאָנטערט מיט דער צונג ער,
ווערגט און שטיקט אין האַלדז אַ ים מיט טרערן: —

וואָס הערט זיך אין דער היים? וואָס מאַכט די אַלטע מאַמע?
מ'לאָזט שוין נישט אַרויסגיין אויפן „באַרג"?
פון וואָס לעבן דאָרט די יידן? הונגערן מסתמא; —
איז אמת, מ'האָט אַראָפּגעראַמט דעם מאַרק?!

ווו געפינט זיך דער לאָקאַל — נאָך אַלץ ביי ר' ישראלן?
און עס זינגען נאָך די יאַטן פרייהייט-לידער?
וואָס מאַכט דער געלער מרדכי, וואָס פלעגט אַלעמען באַמאָלן,
און וואָס מאַכן בעקער-יונגען — זיינע ברידער?

ברענען נאָך די אויגן דאָרט ביי רייד און ביי ויכוחים?
הענגען נאָך די בילדער פון מאַרקס און לאַסאַל?
עס נאָגט אַזוי ביים האַרץ און עס דוכט אים:
ער הערט איצט אויס אַ רעדע אין לאָקאַל.

חבר יאנקל רעדט מיט היץ פון לעצטע קאַמפן.
עס גליִען אַלע אויגן, עס בריִען אַלע טריט;
עס פיבערן די גופים אַרומגעכאַפּט מיט קראַמפּן:
„פּיר אונדז, חבר יאנקל, קיין מאַדריד!"

און נאָך אַ פראַנט פאַרהאַן — דאָס בייז אין פּאַלעסטינע. —
(אַ, דער יאנקל, ער איז דאָס אַנגעלייענט מיט ביכער!)
זיינע ווערטער ברענען: — „אויף דער יידישער מדינה
האָט אַ יאָג-געטאָן אַ ווילדער ווינט, אַ וויכער"...

פּאַר צער וויינען יידן און פּאַר איינגעשטעלטער זכיה,
נאָר יונגוואַרג ביילט אַ פּויסט און איז דאָרטיקע מקנא,
גרייט צו רייסן נאָך אַלטער היים קריעה;
לויפן איבער גרענעצן און ים'ען...

און עס ווילט זיך פרעגן אַ סאַך און זיך דערמאָנען, —
איינגאָנצן דאָך פון דאָרט אַ יאָר, דריי,
ווען קענען ער וואָלט אַריבערנעמען די מאַמע,
זיין לעבן וואָלט זיך אָנגעהויבן אויף דאָס ניי...

ער האָט אַ צריף אָן אייגענעם, נישט לאַנג אָ-דאָ באַנייט,
וועט קענען קויפן אַן אייגן שטיקל פעלד,
נאָר אַ מאַמע איז אַן אויג אַ געטריים,
און זיינע איז געטרייער פון דער וועלט.

ער האָט אַ ווייב אַ ליבע, אַ גינציקע ביז גאָר,
און אַ זונעלע אַ זוניקס — אירע אַלע חנ'ען,
און טרוימען פאַר גייע צענדליק יאָר,
און אַ בענקשאַפט, וואָס שפּאַרט מיט געווייינען.

ח.

ביינאַכט ווערט רויט דער הימל פון פלאַמען און געשרייען —
אַ לאַנד גייט-אָפּ אין בלוט, אַ לאַנד גייט-אויס אין ווייען.

ביינאַכט פאַרשווינדט די שאַנד פאַר צווייפל און פאַר שרעק,
ווערט זיבן מאָל באַפרייטער הינטער באַרג, אין אַ העק.

אַלע קולות לויפן אָן אין דערשיטערדיקן שטראָם,
שלאָגן-אָן אָן באַרג, זינקען אַראָפּ אין תהום.

פון תהום צום צריף, צום האַלצערנעם בנין. —
זינקט דער פונדאַמענט? פאַלט דער גאַנצער קנין? —

אַליין דאָס האַרץ ענטפערט: ס'אַן עכאָ פונעם טאָל!
אַליין — עס מאַכט זיך יעדער חשבון אויפן קול.

איינער פרעגט: פאַרוואָס?! פאַר וועמענס שטראָף און זינד?
און וואָס איז שולדיק דען אָן עופ'עלע, אַ קינד?

און סעדער פון מאַראַנצן, און סעדער פון ציטרינען?
און פעלדער אויף זאַמדן, וואָס אָנגעהויבן גרינען?

און ער אַליין — וועמען קומט ביי אים מאָנונג,
אַז עס ווייַנט אין אים רויע נישט דערפילונג?

ביינאַכט ווערט רויט דער הימל פון טייענדיקע טריט,
עס טויכן אויף געשטאַלטן אין צעפּיבערטן געמיט.

ז.

שפּעט. עס סוד׳עט זיך דער זייגער.
אַ לבנה־צונג לעקט אַרום ס׳געזעגער.
דער שטויב װערגט, נישט־דערװיינטע טרערן. —
די שטילקייט קריכט פאַרטייעט — אַ יעגער
מיט האַנט אויף צינגל און בלוטיקע באַגערן.

שפּעט. עס סוד׳עט זיך דער זייגער.
װי אַ מעסער שניידט דער פּייף פון שומר.
פון װאַנט אַראָפּ, פון בילד, —
די װייסע הענט פון גרויסן טרוימער
ענטפערן מיט געשעפּטש: —
„אױ ב א י ר װ י ל ט!״ . . .

שפּעט. עס גייען אוים די שעה׳ן. —
אין שלאָף ער אַנט דעם צער פון אַלע צער׳ן.
די צייטונגען אין שװאַרצן — קראַקנדיקע קראָען,
יאָגן אים, באַפאַלן אים, און דראָען,
באַװאַרפן אים מיט שפּענסטער — געפאַרן.

זי לױערט היינט, די נאַכט, אויף זיין באַראַקל. —
אָט דערהערט ער טריט, אָט דערהערט ער רייד.
פאַר די אויגן האָט אַ פלאַם־געטאָן אַ פאַקל —
פייער־ליכט אַרום שטוב אויסגעשפּרייט.

ליכט — און עס װעפּט זיך אוים דער כישוף,
פאַרגייט צוזאַמען מיט טרוימערישן װיי. —
שנת ת״ה. קישענעװ. בערדיטשעװ...
נייע בילדער לויפן אָן — אַ זאַװיי.

ער טוט אַ וואָרף, טרייסלט־אָפּ פון זיך פאַרגלייכן;
מיט אַנגסט ער קוקט צום פענצטער, ווי צו אַ האָקן.
ווייב! — פון ים אַרוים לויפן צריק די טייכן...
זי פלאַטערט אויף: — פאַר ווען זיך דערשראָקן?!

כ׳וויל זיי צוימען. זיי פאַרטרינקען אונדזער צריף.
כ׳וויל אַרוים צום באַרג, כ׳וויל אַרוים אויף שמירה,
אַ מאַטראָז אויף אַ טרינקענדיקער שיף! —
כ׳וויל היטן דעם באַראַק — אונדזער צירונג.

טריט. עס עפנט זיך די טיר.
אַ לויטער קול טוט אַ זאָג „שלום!”
עס ווערט העל, עס בייט זיך נאַכטס קאָליר —
(עס וועבט זיך ווייטער, עס שפּינט זיך פול דער חלום)
„פון אַ ווייטן וועג איך קום, מיין זון, צו דיר!

איך קום איצט פון דער היים, כ׳ברענג דיר מיט די מאַמע.
— שרה־לעבן, קום אַריין צום זון!
שטאָט לאָזט דיך גריסן, געדענקסט זיי דאָך מסתמא, —
יידן לאָזן זיך פאָרן איבער ים׳ען.

יידן האָבן דערשפּירט אין זיך עליה;
מ׳לאָזט זיך גיין מיט לאַמטערנעס אין די הענט.
דער שניי איז צעגאַנגען, אַלע וועגן גליען;
פון ווינטן זענען פנימער פאַרברענט.

יידן האָבן דערהערט אין זיך דעם רוף.
מ׳האָט אויפגעגראָבן זאַפּט פון אַלטע שטאַמען.
געדענק, מיין זון, מ׳דאַרף שאַנעווען דעם גוף;
פאַרהיטן ס׳ביסל שארית פאַר די פלאַמען.

ס׳האָבן אויסגעבראָכן שריפות אויף די מערק. —
לאָמיר גיין מקבל-פנים זיין די עדה;
נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן פאַר די בערג
און פאַר די וועגן — אויסגעטראָטענע דורך די זיידעס.״

שפּעט. עס סוד׳עט זיך דער זייגער.
דאָס בילד פון וואַנט גיט דעם אורח „שלום״;
צוויי פּאָר אויגן קוקן תּפילה׳דיק צום געלעגער: —
אָ, ווי לאַנג וועט זיך וועבן אָט דער חלום?...

ער כאַפּט זיך אויף, פּראַלט-אויף די אויגן, — אַ פייער!
ס׳האָט אַרומגעכאַפּט דעם צריף פון אַלע זייטן.
ער טוט אַ ריס זיך, ווי אַ בלוטנדיקע חיה,
פון דער נעץ, וואָס דער פיינט פאַרגרייט אים.

מיטן גאַנצן גוף ער וואַרפט זיך אויפן בעטל.
צום ווייב ער שרייט מיט קולות אומגעהייער. —
ער דריקט צו זיך דעם זון און ער גלעט אים, —
ער וועט אים ראַטעווען פון שנאה׳דיקן פייער.

ער וועט אים ראַטעווען — דעם דור, דעם אומבאַקאַנטן,
ער לויפט מיט אים, ער ווייסט נישט צו וועלכער זייט.
אַ קויל האָט געלעכערט דורך דער וואַנט אים. —
די דורות האָבן זיך בלוטנדיק צעשיידט...

ר׳האָט אַ קראַך-געטאָן מיטן פּנים צו דעם דיל,
ס׳קינד איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט,
ר׳האָט אַרויסגעלאָזט אַן אימה׳דיק געבריל,
מיט זודיק בלוט באַשפּריצט ער האָט די וואַנט.

דאָס בילד האָט זיך אַ הענד-געטאָן מיט חידוש,
אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויפן מת,
דאָס ווייב — אין אַ וואָכעדיקן יידיש —
האָט אַדורכגעלעכערט דעם שבת׳דיקן מעת-לעת:

... און ווי צו אירע יאָרן, און ווי צו אירע טעג,
אויף וועמען האָט ער זי איבערגעלאָזט אַצינד?
ווּהין וועט זי גיין, וווּ איז איצט איר וועג,
וואָס וועט איצטער ווערן פונעם קינד?

ס׳קינד האָט נישט פאַרשטאַנען איר שפּראַך,
ווי נישט פאַרשטאַנען ס׳האָט דעם אומגליק, וואָס געשען,
ס׳האָט אויסגעקרומט ס׳פּנים׳ל צו אַ לאַך
און — פאַרגאַנגען אין אַ יאָמערלעך געוויין.

(1941)

טרערן אין וואָלקנס

איילט אַ ייד און זינגט...

דער טאָג טוט אויס דעם שלייער
פון ליכט, פון גאָלד, פון העל. —
עס איילט דער חושכדיקער גייער
פון זיין היים, דער ברענענדיקער שוועל.

דאָס פייער־שפיל אין רויט און אין שוואַרץ
קוקט אים נאָך אין זיין בלוטיקן גאַנג,
דורכן כאַלאַט — אַן אויפגעריסן האַרץ,
מיט לעצטע קלעפּ פאַר דער יאָגנדיקער שלאַנג.

און זי ציט, יאָגט נאָך אים אין טריט,
אָט־אָט, ביים קנעכל אים געטראָפן;
די שקיעה איילט, לויפט מיט אים מיט,
פאַרלויפט אים אַלע וועגן צו די וואָכן.

דער דעמער נאָגט־אויס זיין שטום געשריי.
ער צעפאַלט זיך, ווי פון בלום אַרויס דער מאָן.
אַ צעבייטשטער פון ווינט און זאַווי —
ער פלאַטערט אויף די גאַסן, ווי אַ פאָן.

אָט איז ער אויף אַ גאַס, און אָט — אויף אַ צווייטער,
ער מורמלט זיך אַ ניגון נישט פון הי.
די אויערן געשפּיצט צו אַלע ווייטן,
די הענט צעפאָכעט, ווי צום פלי.

זיין הילוך — צעפלאַשעט און צעפלאָסן,
און די אויגן — אין ווינט צוויי פאָנאַרן,
מיט שמייכל און מיט צער אָנגעגאָסן,
באַלייכטן די פאַרהוילענע געפאַרן.

און דער טאָג, אַן אויסגעהויכטער, גייט־אויס,
און ער לויפט אַלץ אַן אָטעם, אַן אָפּשטעל: —
אָ, די וועלט איז ברייט אַזוי און גרויס,
נאָר אומעטום — די ברענענדיקע שוועל!

פאַרגייט ער אין אַ סומנעם געזאַנג,
גרויליק, ווי דאָס וויינען פון שאַקאַלן.
און אָט — אַלץ איז פאַרגאַנגען,
אַלץ — פאַרפאַלן.

נישטאָ מער. — נאַכט. שוואַרץ.
ווער וועט דאָס זינגען דערהערן?
ס'ווערט קאַלט דאָס אָפּגעריסן האַרץ
און הויל — דער קוואַל פון טרערן.

און דער הימל וואַקסט, און הייבט זיך העכער,
און שטערן רעגענען אַראָפּ מיט טויזנט אויגן.
ער שפּאַנט שוין איבער הייזער, איבער דעכער,
נאָך אַ שפּאַן — פון שטאָט אַרויסגעפלויגן.

זינגט ער העכער און העכער אויפן קויל,
און פילט נישט, ווי עס זינקען די טריט: —
„איי, איי, איי, געווען איז אַמאָל"...
חשכות אַרום, און ער — אײַנדערמיט.

אויף דער שוועל

א שטראַל — אַ חלף שניט אין וואַנט. —
איך שטיי אויף דער שוועל און איך זע:
דער טאָג גייט אַרויס פונעם לאַנד;
דער שקמה-בוים ברענט, ווי דער סנה.

באַלד ווערט די זעאונג פאַרטערט —
אין די שויבן לעשט זיך דער גלאַנץ,
פון אַנטקעגן בליצט-אָפּ די שווערד
און פאַלט איבער בוים, איבער פלאַנץ.

דאָס ליכט רינט אַרויס פון די שטיבער
און ריזלט צום רויטן האָריזאָנט,
די בערג, די פלאַכן און די גריבער
טרעטן-אָפּ פאַרן פייערדיקן פראָנט.

דער פחד ביי דער שוועל זעצט זיך הויערן;
אַט קומען זיי, די פאַרדאַרבנדיקע טריט!
דאָס ברויט אויפן פעלד איז אין מורא
פאַרן בלוטיקן שווערדישן שניט.

זייג איך איין אַט דאָס בילד פון באַדויער
און שטרעק אויס אין ווייטן די הענט.
די נאַכט שטייט שוין האַרט ביים טויער
און דער שקמה-בוים ברענט און ברענט.

דעמערונג אין די בערג

דער טאָג האָט געטון זיך אַ נייג
צו אַ פעלדזיקן אָפּהאַנג אין גליל,
אין אַן אייכנבוימס גרינעם געצווייג
זיך צעוויינט האָט אַן עלנטע גריל.

דאָס רויטע אומשטערבלעכע בלימל,
וואָס רייסט זיך פון פעלדזיקע שפּאַלטן,
ווי אין סוף-זומער — אין בלויעם געווימל,
האָט געטון צום אָוונט זיך באַהאַלטן.

דער קוואַל, וואָס שלאָגט אַזוי איילּיק
פון גראַניטשטיין אַרויס, פון באַזאַלט,
אין דער שקיעה האָט פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע,
אין אַנבליק פון נאַכטיק געשטאַלט.

האָט דער הימל זיך אַ לאָז-געטון צום ים,
אָפּצוּוואַשן דאָס בלוט פון דער שלאַכט;
פון אַלע פייערן — איין רויטער פלאַם,
האָט אָנגעזאָגט אַ שטורמישע נאַכט...

ע ל נ ט

דאָס פעלד נאָכן שניט איז מידער
פונעם שניטער, וואָס זוניקט ביים טויער.
נאָך הילכן פון שניטער די לידער —
די ערד הערט זיך איין מיט באַדויער.

דאָס אויסטראָג ליגט צייטיק אין שייער,
בלויז פאַרבליבן זענען טרוקן די רעשטן.
דאָס פעלד, אונטער זוניקן פייער,
שלאָפט־איין אין טרוים וואָס לעשט זיך.

פאַלט דער פיין אַריין אין מיין אויג,
אין זכּרון: — אַ פעלד האָט צעבליט.
אין ווייטן שטייט איינזאַם אַ סטויג —
די פרייד איז אַוועק מיטן שניט.

תפילה אין צאָרן

צעבלי זיך מיין צאָרן אויף פלוינען פון חורבן,
באשפייזטע מיט בלוט, מיט מאַרך און געביין —
די ברונעמס פאַרסמטע, די היימען — אויסגעשטאָרבן,
בלי, מיין צאָרן, אויף די פעלדער פון חורבן.

צעשריי זיך מיין קול, רוף־אויף צו נקמה,
פאַר גאַס, פאַר הויז, פאַר מאַמע און קינד,
פאַר בגידה פון שכן, פאַר שטומער הסכמה —
צעשריי זיך מיין קול, רוף־אויף צו נקמה.

צעוואַקס זיך מיין האַס, שטייג־אויף — אַ ריז,
שלאָג און צעשמעטער די קעפּ פון פאַרדאַרבער,
האַרץ זיי אַ צילער, אויג זיי אַ שפּיז,
צעוואַקס זיך מיין האַס, שטייג אויף — אַ ריז.

האַנט ווער געשטאָלט מיט מוט און מיט גבורה,
פיס ווערט געפעסטיקט — פעלדזיקע בערג.
אויף שווערד געשאַרפטער צעטראָג די בשורה —
הענט זייט געשטאָלט מיט מוט און גבורה.

אָ, בלי, מיין צאָרן, אויף די פּלוינען פון קבורה.

אַ רעגן נאַכט

דער ווינט וויינט.
אויף די וועגן קלאַגט דער רעגן.
אַ שעה שלינגט איין אַ שעה, — דער מאָרגן טוט געגנענען.
טויזנט שטומע אויגן דער בלינדער נאַכט פרעגן: —
פון וואַנען און וווּהין?
פון וועמען און צו וועמען? — —

דער רעגן גיסט.
די נאַכט פאַלט צוזאַמען.
פון וואַנען יאָגט־אָן אַזאַ קעלט? —
פון ווייסל־לאַנד — אימהדיק געוויין
גיסט זיך איצט איבער גאָר דער גאַנצער וועלט.

דער ווינט רייסט.
איך קוק אַריבער אַלע ימען. —
וועמען איצט? וועמען נאָך? וועמען ווייטער? — —
מיין שטעטל כ׳זע אין פייער און אין פלאַמען,
און מיין היים — אַ ברענענדיקער שייטער.

נאַכט. נאַכט אין יעדן אבר.
אין חלום קומען בריוו.
מיינע קני האָבן געטאָן איצט אַזאַ וואַקל. —
ווו זענען מיינע ברידער — אויף בלאַנדזשענדיקער שיף,
אָדער — אונטער האַקנקרייץ־סך־הכל? — — —

די שעה גייט אוים.
די נאַכט פאַלט צוזאַמען.
אויף די וועגן שפּאַנען באָרוועסע מיינע שוועסטער.
אין חלל צייכנט זיך אַ פויסט: —
„דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער, דער לעצטער!״

ווו ביסטו, מיין ברודער?!

אפרים, ברודער מיין יונגסטער, —
בשורה לעצטע פון שטאַם,
איך זוך דיך אָרום אין דער פינצטער —
אין חשכות פון רויכיקן פלאַם.

אפרים, ברודער מיין קלענסטער,
צווייגל צאַרטסטער פון בוים.
איך זוך דיך ביי טיר, ביי פענצטער,
איך רוף דיך אין וואָר און אין טרוים.

אָט וועט מען די שטאָט שוין באַפרייען
און פון דיר — קיין קלאַנג, קיין צייכן,
ווּהין זאָל איך שיקן מיין שרייען?
וועמען ט'מיין רופן דערגרייכן? —

צו דער חרובער גאַס ביים טייכל,
ווּ צעשמעטערט ליגט דאָס הויז פונעם טאַטן?
ווּ שאָטנס-געשפּענסטער דאָרט שלייכן —
ווּ שכן האָט שכן פאַרראַטן?

ווּ עס גיסט זיך צונויף דאָס געוויין
פון פאַרלוירענעם קינד אויף אַ פעלד,
מיט אַ מאַמע — פאַר'אבל'ט און אַליין
אין וויסטער, אין פינצטערער וועלט?

ווּ עס קומען צעבלוטיקט די ברידער
האַלטן צוזאַמען אַ ראַט, —
צי, ווּ עס ליגן צעשאָכטן די לידער
צוזאַמען מיט אויסגעטראַכטן גאָט? — —

קען זיין דאָך, אַז אין רוקן פון שלאַכטן
צאָלסטו דעם שונא פאַר מאָרד,
און אפשר — אין געטאָ פאַרמאַכטן
מיט שאַנד און מיט טויט ביסט געפּאָרט?

און אפשר צו אויסגעבענקטן לאַנד,
ווו עס וואַרטן מיט ליבע דיינע ברידער
לויפסטו פון קאַלעך-סם און בראַנד,
פאַלסט, שטייסט-אויף און לויפסט ווידער? —

און אפשר אין וועלט-טייל אין רויטן
ביסטו דאָרט פון לעבן אַ היטער? —
ווייל, אויב נישט אינעם לאַנד פון די טויטן...
אַ, פאַר פרייד כ'האָב געטון אַזש אַ ציטער.

כ'האָב דערזען דיך, ווי דאַן, אינדערפרי,
אויף האַרבסטיקער, יידישער גאַס,
דיין בליק האָט אין הונגער געגליט
און אַרום האָט געשרפה'ט דער האַס.

דיין שטערן אַ צעקנייטשטער — דער זיידע!
און דאָס מויל אַ צעקרומטס, ווי צום שרייען...
אין מיטן דער דערשלאָגענער עדה —
אַ יינגל געבויגן אין דרייען.

כאָטש געוווסט: ביסט נישט איינער אין נויט
איך קען דאָך די צאָל פון די ברידער!
דאָך, ווי פייער געברענט האָט דאָס ברויט,
יעדעם מאָלצייט איז געוואָרן מיר דערווידער.

כ׳האָב געוווּסט אַז דער האַר, אָט דער פּאַן,
רייסט אונדזער לייב און ער לאַכט.
און אַז דו ביסט דאָרט ערגעץ פאַרהאַן,
ווי קען איך רויק אַדורכגיין די נאַכט? — —

און שפּעטער — דער שפּאַט און די „יודען געזאַנגען"
און דאָס בלוט אין וואַרשע, לובלין — —
און אַז מורדיש געראַנגל איז אויך שוין פאַרגאַנגען,
איז וווּהין זאָל איך שרייען, וווּהין?! —

ווי זאָל איך שלאָפן, ווי זאָל איך וואַכן,
ווי זאָל איך גלעטן מיין קינד?
ווו זאָל איך לויפן, איבער וועלכע שליאַכן,
אַז די וועגן זענען פינצטער און בלינד? — —

נאָר — איך זוך דיך. כ׳קען אַנדערש נישט טאָן —
ס׳איז דאָך דאָ נאָך אַ וועלט אַזאַ ברייטע!
די נאַכט האַלט שוין האַרט ביים גראָען,
אָט הערן זיך טריט פון דער וויטן: — — — —

ווער איז דאָס? — דו?
מיט ביקס, מונדיר און אַ שטערן?! —
און אפשר — פון אייביקער רו? — — —
כ׳קען נישט מער. עס פלייצן די טרערן.
— — — — — — — — — — — — —

מיין שוועסטער פערל

אין אַ דאָרף צווישן כעלם און לובלין,
(די ערד וואָס דער דייטש האָט געלעסטערט),
צווישן וועלדער און פעלדער פול גרינס,
וווינט דאָרט פערל מיין שוועסטער.

איר אויסזען: שוואַרץ און באַחנט,
נאָר גראָ אירע האָר — פאַר דער צייט.
אין דאָרפישן עלנט — אַ שטיין,
מיט בענקשאַפט צו בלוויאיקער ווייט.

זי איז אַ יידענע אַ פשוטע, אַ שטילע, —
אַ מאַמע. צו קינדערלעך אַכט.
פול איז איר האַרץ מיט תפילות,
מיט עצות, מיט הילף איז עס וואַך.

מעשיות טוט זי דאָרט דערציילן
אין פראַסטיקע נעכטביים אויוון;
פערל קען אַלצדינג אויסהיילן
מיט כח פון ליבשאַפט און גלויבן.

זי שפּרעכט־אָפּ אַן עין־רעה, אַ רויז;
שטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס, קאָמפּרעסן.
פול איז מיט גוטסקייט איר הויז,
נאָר... — קאַרג פאַר די קינדער דאָס עסן.

איר כאַטע איז נידעריק און קליין,
כאָטש רייך איז דאָס דאָרף, די שכנים;
מיין שוועסטער איז הויט און איז ביין,
נעצט־דורך די נעכט מיט געוויינען:

מיידלעך וואַקסן־אונטער, ווי קרויט,
די יונגסטע פאַרפלעכט שוין אַ צעפּל...
ביי דער מאַמען רינצלט די הויט,
אירע באַקן — געבראָטענע עפּל.

זי קען אים דעם מזל דעם ווּיסטן,
זי ווייסט: ס'איז אַזוי איר באַשערט!
פערל פירט די מיידלעך פאַר דינסטן
און קוקט מיט האָפענונג צו דער ערד.

פערל קען דעם וואַלד און דעם שליאַך,
און די שכנים — די גאווה'דיקע דייטשן.
זייער מוראדיק זינגען ביינאַכט
און דאָס וויינען פון פערד אונטער בייטשן.

ראובן, איר מאַן, איז אַ געלער,
מיט געדיכטע ברעמען און באָרד,
כאָטש דאָס דאָרף איז אים ווײַ, ווי זיין פעלער,
איז אים ליב, איז אים טייער דאָס אָרט.

מיט שווערע צעשפּרייטע טריט
שפּאַנט ער, ראובן — איר מאַן,
אַ פּראָסטער, אַ דאָרפישער ייד,
איז אים ניחא דאָס, וואָס פאַראַן.

ער קומט נישט צו קיינעם מיט שאלות:
„הלמאי?! און פאַרוואָס?! און וויאַזוי?!"
דאָס דאַרף האָט ליב זיינע מעלות,
ווי דאָס פעלד, די תבואה און דאָס שטרוי.

מיט גוים ער פאָרט אויף יאַריד'ן,
אין זיין זעקל: בטחון און גלויבן.
ער לעבט-אויף אין באַריר מיט יידן,
וואָס שוועבן אויף די מערק, ווי טויבן.

געקומען ר'איז אהער מיט זיין פערל, —
מיט ליבע צו איר און צו דער ערד,
פאַרבונדן מיטן דאַרף זייער גורל,
צו אַ לעבן, וואָס דעם ייד איז פאַרווערט...

צו ביימלעך מיט עפּל און בארן,
צו אַ קו און אַ קעלבל אין שטאַל;
צו ערד און ערדישע געפילן,
צו וועלדער און לויטערן קוואַל.

צו גראָז ביי פענצטער און שוועלן,
צו פעלדישן ווינט און געפריר;
מיט גרייטקייט צו פרעמדע באַפעלן,
עפענען פאַר יעדן די טיר.

נאָר עס טרעט זי זעלטן-וועה איבער. —
דייטשן האָבן פיינט זיך צו מישן...
בלויז ווען עמעץ פון זיי איז אין פיבער
טוען זיי מיין שוועסטער צו ווישן;

— „ראובינשע, האַרציקע, ליבע,
עס וואַרט אויף אייך דרויסן דער וואגן!
וועגן די קינדער מיין פּערלס, די טריבע: —
„מונדזשיא, זאָלסט ניעמאלס זיי שלאָגן!"...

נאָר מונדליין האָט ליב גראָד דאָס שלאָגן,
פאַרקריצט ער די ציין מיט פאַרדראָס..
און אין איינעם סעפּטעמבערס פאַרטאָגן
איז געפאַלן דאָרט זיין גרויליקסטער שאָס.

ציט זיך פאַרביי הייפל דער טראַקט,
וואָס פירט פון דאָרט צו די וועגן.
פּערל האָט די פענצטער פאַרהאַקט,
מיין שוועסטער זעט אָנקומען דעם רעגן.

מיט פערדישער שוימיקער תאווה
צו זנות, רציחה און רויב,
האָט קאָלאָניסטיש — דייטשישע גאווה,
צערודערט דעם שליאַך אין א שטויב.

פון שטעט און שטעטלעך אַרום
געלאָדן די פורלעך מיט גוטס.
די מאַריאַס צלמען זיך פרום —
פונעם רויב טריפט יידיש בלוט.

פינגערלעך צוזאַמען מיט פינגער,
אויערינגלעך — צוזאַמען מיט אויערן,
פערדישע גלעקלעך קלינגען —
עס פּראַלן קאָלאָניסטישע טויערן.

קישנס מיט בלוט פון דער שחיטה,
נאָך נאַס פון קינדישער טרער,
מיט בעסטיע־אויגן צעגליטע,
ציט זיך דער מאָרד־צוג אהער.

זענען עלטערע קינדער אנטלאָפן
צום רעטער — די רויטע סאָלדאַטן.
ביי מיין שוועסטער איז מען מער נישט געשלאָפן —
ווי צו דער מאַמען און טאַטן! — — —

דער פחד איז אריין אין דער כאַטע,
פאַרכאַפּט ביי די פּיצלעך דעם שמייכל: — —
„אַ פאַרשאָלטענער שלייכט־אום דער טאַטע!?
די מאַמע האָט פאַרלוירן דעם שכל?!

וואָס האָט זי פאַרהאַקט אַלע טירן?
וואָס האָט זי פאַרשפּאַרט אונדז אין שטיבער?
ווער וועט אונדז אין פעלד אַרויספירן?
וואָס ציטערט דער טאַטע און פיבערט?!...

עס פאַכן מיט שווערדן די רויבער,
פול ווערט דאָס לאַנד מיט די ווייען.
נאָר פערל, אין וווּנדערלעכן צויבער,
וואַרט אויף דער געטלעכער באַפרייאונג.

זי וועט דאָך קומען די מינוט, אָט די גרויסע,
וואָדען, אַ וועלט איז פון זינען?! — —
מיין שוועסטער גלייבט נאָך אין מופתים,
זי גלייבט: פון גורל צו אנטרינען.

און איר שכן, דער מערדער מונדליין,
וועלטיקט מיט ביקס און מיט סם.
דער ווינט ברענגט אהער דאָס געוויין
פון מיין שוועסטער — דעם דאָרפס הייבאם.

— — — — — — — — — — — — —

אין א דאָרף צווישן כעלם און לובלין,
(די ערד, וואָס דער דייטש האָט געלעסטערט),
צווישן וועלדער און פעלדער פול גרינס
וואוינט דאָרט פּערל מיין שוועסטער?!

פערל טענהט מיט גאָט

אין דאָרף בעקעשע שיט זיך אַ שניי.
מיין פערל האַלט־וואַך אויפן גאַניק.
זי דערשטיקט און פאַרקראַמפּט אַ געשריי. —
דער טראַקט פירט פון דאַנען קיין מיידאַנעק.

די פיצלעך, — אוי, הונגעריק און שוואַך,
ווי וועלן זיי דערשלעפּן זיך אַהין? —
דאָ שטייט זי און היט זיי אין דער נאַכט,
אויפן טראַקט צווישן כעלעם און לובלין.

דאָס קלעטער־גראָז — טרוקן און דאַר,
פאַרשטעלט נישט פון גאַניק די שיין.
מיין שוועסטער מיט טענות צום האַר,
בינדט ־פונאַנדער די זעק פון איר פיין.

דער בוים — אַרומגעפליקטער אינעם סאַד,
שטרעקט איר אוים אַ צווייג — אַ האַנט;
דער שטריק אויף דעם ברונעמס ראַד
רופט זי צו יענער זייט פונעם לאַנד...

די אויפגעריסן־ליידיקע שטאַל —
אַ מויל מיט אויסגעהאַקטע ציין! —
מוד'עט צו איר שבת'דיקער שאַל,
און די אויגן רינען־אוים פון געוויין: —

„יאָרן, אוי, אָפּגעלעבט מיט שכנים",
טענהט זי, מיין פּערל, צו גאָט.
„דאָס דאָרף פאַרמאָגט אזויפיל חנ'ען,
נאָר דיין טאָכטער — צו שאַנד און צו שפּאָט.

אנימלט ערשט אויסגעהאַקט דעם טאָרף
און מיט שטרוי אַרומגעבעט די ווענט,
כאָטש געלאַכט און געחוזקט האָט דאָס דאָרף
און געביילט האָבן שנאה'דיקע הענט.

אָנגעריסן פאַרטעכער מיט שטשאַוו. —
עס גייען דאָך נעכט אַזעלכע גרויסע.
די קינדער האָבן פּיש געברענגט פון סטאַוו,
געכמאַרעט און געברוגזט האָט דער דרויסן.

צו סליחות געגאַנגען האַלבע נאַכט,
דינען דיר מיט כבוד און מיט מורא.
אַז מ'האָט די יידן אַ ל ע אומגעבראַכט,
ווער וועט דיר איצט טאַנצן מיט דער תורה?

אויב ראובנען פון בעט אַרויסגענומען,
אַ גוסס — אים געשליידערט אויפן וואָגן,
ווער וועט דאָ צום מנין איצטער קומען?
ווער וועט איצט תפילות צו דיר זאָגן?

עס שטייט דאָך בפירוש אין די ספרים,
אַז נישט די מתים וועלן דיך לויבן, ה א ר!
וואָסזשע טויגן דיר די אַן-אַ-צאָל קברים,
מזבחות פון גרויל און פון צער?!" —

איר סעדל האָט זיך אימהדיק צעשושקעט,
מיט אַ פרעמדער, שנאהדיקער שפּראַך.
אויף די זשאַבעס האָבן פּחדימדיק געפּלושקעט
ביי דער ברונע — אין דער האַרבסטיקער נאַכט.

שטאַרבן־אָפּ, גייען־אויס שוין די שטערן,
דער גאַניק גיסט זיך אָן מיט אבילות.
מיין שוועסטער ווישט־אָפּ אַלע טרערן
מיט איר שוואַרצער שבתדיקער פּאַטשיילע.

אין בעקעשע גייט שוין אויס די נאַכט.
מיין שוועסטער מיט די קינדער אויפן גאַניק.
דאָס דאָרף האָט פאַרענדיקט די שלאַכט. —
דער טראַקט פירט אַוועק קיין מיידאַנעק!

אין בעקעשע שיט אַ נאַסער שניי. —
עס כיכיקען דייטשן אויף גאַניק...
מיין פּערל מיט די קינדער אין געגיי
אַהין, צו די יידן קיין מיידאַנעק!...

קוק נישט אהין, מאמע! — —

דער וועג האָט זיך געשלעפּט אַ בלאָטיקער, אַ שווערער
מיט קנאה צו די גראָזן אין פעלד.
זי זעט נאָך די היים, דעם הויף, די שכנים,
זי זעט נאָך איר קינדערשע וועלט.
וואָלט געשפּאַנט נאָך די קאָטשקעס, איז אַ רחמנות אויף
דער מאַמען
וואָס די דייטשן האָבן געשלאָגן און געיאָגט,
זי מוז איר איצט טרייסטן; — זיין מיט איר צוזאַמען. —
אַזוי האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט.

זי נעמט־אַרום די מאַמע און ציט זי צו זיך
מיט כוחות פאַרבאַרגענע, ווייטע.
עס בייגט זי דער ווינט, ווי אַן איינזאַמער זאַנג
און עס וואַכן די שוואַרצע באַגלייטער.
דעם וועג זי מאַכט לייכט, כאָטש די מאַמע איז שוין שוואַך
און זי איז ביי איר אויפן האַנט.
און אַרום־און־אַרום — די גרויליקע וואַך
שטייט צווישן לעבן — אַ וואַנט.

געהייסן האָט זי מירעלע, און קען זיין, אַז חנהלע, —
און אפשר האָט זי געהייסן נחמה?
אַ גאַנצן וועג טראַכט זי נאָר, אַ גאַנצן וועג קלערט זי נאָר,
זי זוכט אַרום אַ זאַך אַזאַ — נקמה?
די ביקס אַנטקעגן קעפּל אירס, געגלאָצט האָט מיטן לאָך,
געדראָט זי האָט יעדן ריר אירן.
פּלוצלינג האָט דאָרט עמעצער זיך צעשריגן אויף דער בראָך,
ווי געפּלאַצט ס׳זאָל האָבן ביי יענעם די געהירן.

די קליינע האָט זיך אַ וואָרף־געטון, אַרומגעכאַפּט די מאַמען.
געדריקט זי האָט דער מאַמעס קאָפּ צו זיך: —
ציטער נישט מאַמוניאַלע, מיר זענען דאָ באַזאַמען,
דעם וועג מיר וועלן איבערקומען גיך.
נאָר, אפשר איז דיר שווער, טאָ וועל איך גיין צו פיס,
זע נאָר, ווי די לאַנקעס זענען גרין!
אַז כ׳קוש דיר די אויגן, פיל איך: זיי זענען זיס,
נאָר — קוק נישט מאַמעלע אַהין! — — —

האָבן טרערן זיך אַ גאָס־געטון, זיסע, ווי דער סם,
וואָס העלפט דעם פיין צו פאַריאָגן;
האָבן רוצחים דאָרט אַ שאָס־געטון צו לעשן יענעם פלאַם,
וואָס פון איינעם צו אַלע זיך געטראָגן.
האָבן תפילות מיט קללות צו גאָט און צו דער וועלט
זיך אַ רים־געטון פון אַלעמען צוזאַמען,
און דאָס קינד האָט מיט זיך דער מאַמעס אויגן פאַרשטעלט:
— קוק נישט אַהין, מאַמע! — — —

דער סאָלדאַט און זיין קינד

נעמען האָט זיין מיידעלע צוויי,
ווי זי אַליין וואָלט זיין אים אַ צווילינג.
איינער — אַ טרייסט פאַר דעם וויי,
דער צווייטער — בשורה און פרילינג.

איינער מיינט גלעטונג און טרייסט,
דער צווייטער — דערוואַכונג און פאָנען...
מיטביידע נעמען איינם בלויז זי ווייסט —
רופן איר טאַטן און מאָנען.

זי ווייסט:
אַ סאָלדאַט איז איר טאַטע,
טוט דאָס שלעכטס פון דער ערד אַראָפּשווענקען.
נאָר אַ קינד — מיט נעמען אַ זאַטע,
גייט-איין פון פיינלעכן בענקען.

ווי לאַנג איז צו וואַרטן דער שיער
און אויסקוקן שיפן ביים ים? —
— — אָט טוט זיך אַ פּראַל-אויף די טיר,
עס קומט אריין דער טאַטע, איר שטאַם! — — — —

נאָר איר טאַטע — אַז וויי און ווינד,
שטייט אַליין אין מדבר אויף דער וואַך...
מיט ביידע נעמען — זיין איין און איינציק קינד,
ווינט-אַריין אין דער אומענדלעכער נאַכט.

ניי־יאָר אין פייער

די נאַכט טוט זיך מערן און מערן,
צעברייט זיך צו ווייטע האָריזאָנטן,
אין די הייכן לעשן זיך שטערן,
אין דערוואַרטונג פיבערן די פראָנטן.

דער הימל ווערט ווייסער פון שניי,
וואָס שיינט־אָפּ פון בלוטיקע בערג,
דאָס לעצטע, דאָס גרוילסטע געשריי
דערשיטערט דאָס געטלעכע ווערק.

דער הימל ווערט שטאַר און אַנטשטאַנען: —
ווער גריסט דיך, — יאָר, וואָס געבוירן?
די, וואָס קריגעריש זיי שפּאַנען,
צי די, וואָס גיין פאַרלוירן?

דיביימער, פאַרשוועכטע מיט תליות,
קברים — מיט יונגשאַפט און לעבן?
צי די גרויליק־פינצטערע בריות,
וועמען האָסטו לעבן געגעבן?...

צי די שווידערדיק־גורלדיקסטע שלאַכט,
צי די קריסטן, וואָס ווינטשן איצט: „פ ר י ד ן״?
צי די חיה, וואָס ווערגט און לאַכט,
אָדער מיינע ברידער — געשאָכטענע יידן?

דער קלויסטער זינגט־אוים ה ל ל ו י ת,
דאָס געזאַנג גייט העכער און העכער,
ביים קרייץ פון די וועגן דאָס ניי־יאָר
גיסט־אָן פון טרערן דעם בעכער:

אָ, נאַכט פון בשורה און גלויבן,
צענעם דיינע פליגל, צעפיר,
שיק אַרוים מיט צווייגלעך די טויבן
און זאָג: שלום דיר, יאָר פערציק פיר!

פון טיפסטער טיף

איך נעם דיך אַרום מיט מיין בליק און איך זאָג:
פאַרוואָר, די זון וועט נאָך שיינען! — — —
איך וויין מיט דיר מיט ביינאַכט און בייטאָג,
כאָטש עס שוימען נאָך אויף דאָ די ווייגען.
איך שטום מיט דיין שטום-זיין
איך שריי מיט דיין שרייען,
אַ פאַרקלעמטער איך שלייך אין דיין קלעם,
איך געדענק נאָך דעם בלענד פון די זוניקע מאַיען,
איך געדענק נאָך דיין נייעם בעל-שם.

איך געדענק נאָך די וועגן — זאַמדן און שטיינער,
מיט אָנזאָג, מיט צוזאָג אויף בעסערס...
די פרייד פון דעם ווערן — די תחיה-ביינער,
דעם זאַפט פון מאַראַנץ און דאָס מעסער.
און איך האָב געהונגערט,
און מיט מיר — דער ציבור,
אַ באָרוועסער — געשפּאַנט צו דער פרייד,
ווייל צוזאַמען איז בעסער, ווייל צוזאַמען איז ליבער
און צוזאַמען זענען לייכטער די רייד.

נאָר אַז איך וועל רופן, צי וועט איר דען הערן,
צי וועט דען מיין קול אייך דערגרייכן?
און אַז איך וועל שרייען און איך וועל זיך ווערן,
וועט קומען פון אייך דען אַ צייכן?
אַז טויב איז דאָס אויער
פון רויקן, זאַטן,
און פול איז דער לאַגל פון טרערן,
אַז דו ביסט געאַייזנט אין טויזנט פאַרראַטן — — — —
ווען וועט מיין רופן דען הערן? —

* * *

מיין ווײ
וועט פאַלן אויף אײ׳רע קעפּ,
ווי שטיין,
ווי בלײ.
עס וועט נישט סטײען קיין קרעפּ
אויף צו צירן אײערע טעג —
די שוואַרצע חגאות.

מיין שווײגן —
דער ביטערער טעות,
דאָס אָקסישע שווײגן, דאָס שטומע,
ווען איר פירט מיך צום שעכט־הויז
טאָג־איין, טאָג־אויס,
וועט פאַלן אויף אײער וואַך,
וועט פאַלן אויף אײער שלאָף —
אַ וויסטע, פאַרלענדנדע שטראָף.

דאָס געוויין פון מיין קינד — מיין אויג,
דער אוי פון מיין פרוי — די טויב,
דאָס שאָקלען מיט די קעפּ פון פאַרבײגײער —
לעמער,
מיין אויסגײענדיק האַרץ — אײער זאַקרויב
פון שלאַכט —
צווישן טאָג, צווישן נאַכט,
וועט אײך טרעפן אין בלוטיקן דעמער,
ווי אַ פײער צווישן צעדער.

און ס׳וועט פֿאַרשטיין מיין קינד,
און ס׳וועט פֿאַרשטיין מיין ווייב
און פֿאַרשטיין וועט מיין לייב,
און פֿאַרשטיין וועט אַ יעדער, אַ יעדער: —

ווייל איר האָט געגעסן פֿון לעבעדיקן שטיקער,
ווייל איר האָט געזשליאָקעט דאָס בלוט
און געוואָרן דערפֿון שיכור,
ווייל איר האָט סעודות געפּראַוועט,
באַנקעטן און בעלער,
אין שאַרבנס — באָקאַלן,
אין הערצער — טעלער,
וועט זיך אויסגיסן דער ווין — אייער זכר פֿאַרפֿלעקן,
וועט אַרויסרינען דאָס פֿעטס, אַזש די הינט וועלן לעקן,
און ס׳וועלן טאַנצן די פֿלאַמען פֿון צעצונדענע צעדערס. —

ס׳וועט פֿאַרשטיין מיין קינד,
ס׳וועט פֿאַרשטיין מיין ווייב,
ס׳וועט פֿאַרשטיין אַ יעדער, אַ יעדער.

* * *

אַלע וואַרטן. — אַזויפיל קומען,
און דו ביסט נישט מיט זיי.
ווייַנט מייַן האַרץ וואונדיק, שטיל,
פול און פול מיט ווי.

אַלע טויערן אויפגעעפנט,
אַלע טירן אויפגעפּראַלט.
נאָר דיך איינעם — אַ האַנט אַ וויסטע
פון מייַן אויג באַהאַלט.

אַלע וואַרטן, אַלע פרעגן,
אַלע אויגן ביי די פּאָרטן.
אַזויפיל בשורה אין אַלע שיפן,
וואָס קומען אָן פון דאָרטן.

ברענגען שיפן רעשטלעך, רעשטן.
און דו ביסט נישט מיט זיי.
וויגן פּאָנען זיך אויף מאַסטן
אין ווינטיקן געוויי.

אין זכות פון גלויבן

עס טאָגט

עס בלויט אויף דער שוועל פון מיין טיר
און עס לעשט זיך דאָס געהויל פון שאַקאַלן.
עס וואַכט ווידער אַ לעבן אַרום מיר
און עס שלאָגן נייגעבוירענע קוואַלן. —
דער שעיר מיטן באַרג ווילן ווידער ווערן איינס
און אַפּלויפן מיט די זינד אויף די הערנער.
און דרויסן וועט הויערן דאָס גוטס און דאָס שיינס
און אויף די פעלדער — די שפּעדיקע קערנער.

אַזוי טאָגט ביי דער שוועל פון מיין טיר,
און כ׳שטיי פאַרן תהום, פאַרן טיפן.
ווידער, ווידער רוישט לעבן אַרום מיר —
האָט קיינער דעם גרויל נישט באַגריפן? — —

אין גליאיק צעברענטן האָריזאָנט —
ווער דערקענט נישט די טריט פון די טויטע?
ווער האָט נישט דאָס פייער דערקאָנט
אין צעצונדענע כמאַרעס, אין רויטע?
דיביימער צעוואַלגערט אין שייטערס
און אויף זיי — די ברידער און שוועסטער,
די מיט שחיטה צעשיכורטע טרומייטערס —
ווער דערקענט נישט דעם אורוואַלד־אָרקעסטער?

אַזוי טאָגט ביי דער שוועל פון מיין טיר,
און כ׳שטיי פאַרן תהום, פאַרן שטומען.
ווידער, ווידער רוישט לעבן אַרום מיר —
הימל! — האָסט אַלץ נאָך דעם גרויל נישט באַנומען? —

שעה

פון גרויל און וואָר — אויסגעקלאַפּטע שעה,
איך שפּאַן דיר אַנטקעגן מיט האַס און פרייד, —
ביסטו די קראָ פון עדגאַר עלען פּאָ,
צי דעם דיכטערס חלום-רייד? —

ניין, ביסט נישט קיין טרוים. — עס גלאַנצט דאָס מעסער,
עס שפּאַלט זיין שאַרף דיך גלייך אויף צווייען;
דו קומסט צו מיר פון אַהינטער שלעסער,
מיט קלאָרן וואָרט צו מיינע ווייען.

דיינע שווערע טריט — ביי גרענעצן צעשאָטן,
דו נאַרסט נישט אָפּ, ביסט נישט פאַרשטעלט.
מיין זון, — דאָס אייניקל פון סאַנקיולאָטן —
דערקענט אין דיר זיין אויפגעשטראַלטע וועלט.

ליכטיקסט-אויס אַ טאָג אַ שטאַרק געגאַרטן;
ביסט נישט די קראָ פון עלען פּאָ! —
פאַרצוימטע, הינטער קראַטן נאָך פאַרשפּאַרטע,
איך גיי דיר אַנטקעגן, — אויסגעהאָפּטע שעה.

מיט גיכע טריט

מיט גיכע טריט, — באַרוועסע און שטיל
גייט מיין אומעט באַרגאַראָפּ, שיף,
דורך נאַכט, דורך פינצטער, כ׳שפּאַן צום ציל —
צו אות, צו צייכן, צו גלויב־מאָטיוו.

כאָטש טויט איז פעלד, און לאָן, און בייט,
און די שטילקייט שרייט אין כאָר, צוזאַמען,
איך הער די טריט, דערשפּיר די פרייד,
וואָס קומט אין מאָרגן — אין רויט, אין פלאַמען.

כאָטש האַרב די שעה, און שוואַרץ, און טיף,
אין שעפּטש פון גראָז איך הער באַשייד, —
עס גייט די נאַכט באַרגאַראָפּ, שיף,
און נעמט מיין וויי מיט זיך אין וויים.

שוין גרויסער טאָג

שטיי־אויף,
שוין גרויסער טאָג.
ס׳איז דאָ געווען אַ ליקוי חמה —
וואַש אוים די אויגן און זאָג דיין זאָג,
עס ווילן טרייסט דאָך טאַטע־מאַמע.

שטיי־אויף,
די ערד איז פּרעכטיק,
עס טוקט די זון זיך אין דיין בליק,
די וויסטע פּיין האָט דאָ געגעכטיקט.
נאָר ס׳קוקט דער זעלנער נישט צוריק.

שטיי־אויף,
מיט דיין כלי־זיין
וויש אָפּ דאָס שוואַרצע פונעם גלאָז.
אַז ביסט געגאַנגען ערד באַפרייען —
בליט דער בוים און ס׳גרינט דאָס גראָז.

גרויסער טאָג,
און גרוים די שעה איז;
אַ ווינט פון מדבר איז דאָ פאַרביי,
דער הויכער הימל וויים און בלאָ איז —
ס׳איז ערב מאַי.

שטייט אויף

טוי אויף צווייגן, אויפגעפלאַצטע בליטן. —
איך רוף אייך נישט צו רו, מיינע טויערן! —
דאָס גראָז האָט נאָך קיינער נישט געשניטן,
די שאָף האָט נאָך קיינער נישט געשוירן;

די ביימער — נאָך נישט אויסגעטראָגן ס׳אויבסט,
די שליאַכן דערפרייען נישט דעם גייער;
די פעלדער — אין גליענדיקן שטויב,
אַלע היימען אין טרויער געשלייערט.

דאָס בלוי פונעם הימל איז פאַרגליווערט,
די רויז וואַרפט אַראָפּ פון זיך די בלעטער. —
כ׳בין וואַך, כאַטש איינגעהילט אין פיבער,
בין גרייט צום וואַנדער און צום קלעטער.

כ׳זוך נישט איצט קיין אָפּדאַך, קיין שוועלן,
איך גיי וווּהין די אויגן מיינע גרייכן.
ווער קען באַפעלן: „זיך אָפּשטעלן!״ —
דעם פרילינגדיקן שטראָם פון די טייכן?

און ווער קען פאַרווערן מיר, טראָגן
מיין האַרץ, אַן אויפגעזאָטנס, צו לאַזאַרעטן,
צו די ברידער, די פאַרוווּנדעטע, און זיי זאָגן: —
„מיין אויג וועט אומעטום אייך גלעטן.

איך טראָג מיט זיך דעם ריח פון די בלומען,
וואָס ציִען זיך צו ליבשאַפט און צו ליכט, —
מיין וואָרט, וואָס ליגט פאַרשעמט אויפן גומען,
וועט דערוואַכן און איך דערפרייען אומגעריכט.

כ׳וועל צוזאַמען מיט אייך אינעם עול
צעטראָגן דעם גרוס פון די שלאַכטן,
מיט אַ שאַלנדיק, טרומייטערדיק קול,
מבשר־זיין דעם סוף פון דער נאַכט אייך״.

קלאַפּ איך, ווי מיין זיידע אין די טויערן,
אין די לאָדנס שריי איך הויך און איך זאָג:
שטייט־אויף אין אָט דער לעצטער אשמורה!
לאָמיר גיין מקבל־פנים זיין דעם טאָג.

ד ו   ג ע נ ע נ ס ט

איך זע דיך דורך נעפּל און פֿינצטער,
איך פֿיל דיך אין שטראָם פֿון מיין בלוט;
אין מיט-נאַכט כ'פּראַל-אויף מיין פֿענצטער, —
דו גענענסט! — פֿון מינוט צו מינוט.

דיין טראָט הילכט אָפּ אין מיין דופק,
איך זע דיך. — די אָדערן פּלאַצן!
מיין גלויבן ווערט רייף און באגרייפֿיק:
איך הער שוין דעם קראַך פֿון פּאַלאַצן.

כ'דערקען דיך אין גופֿים אויף מיסטן
און אין וויסטן געוויין פֿון דעם פֿאַלן;
אינעם טויט, וואָס קען נישט פֿאַרוויסטן
די מעכטיקע פֿאָלקישע קוואַלן.

אין מאַרך — צעשפּריצטן אויף שטיינער
און אין לעצטן באַפֿעל פֿון מרידה;
אין גסיסהדיקער לויב: „דו ביסט איינער!" —
פֿון לעבעדיק-באַגראָבענע יידן.

כ'באַנעם דיך אין רויש פֿון די פֿאָנען;
אין רייד פֿון אמונה און פֿאַרגעבן;
אין שטומען געבעט און אין מאָנען. —
אין קריג פֿאַר לויטערן לעבן.

דערהער דיך אין ברויז פון די ערדן,
וואָס טראָגן־אוים דאָס ברויט און געפּאַרן;
כ׳דערקען דיך אין קלאַנג פון די שווערדן
פון העלדן, גוואַרדייער און בונטאַרן.

און אין זאַמלענדיקן גאַנג פון די ברידער,
וואָס קומען צום לעבן, צום נייעם.
אינעם וויי פון די איכהם און לידער —
מיין פאָלק וועט זיך ווידער באַנייען!

אָט זע איך דיין ליכט אין די שויבן,
אָט קלינגען דיינע זינגענדיקע טריט.
דו גענענסט! — כ׳גיי־אויף אינעם גלויבן,
איך טראָג דיר אַנטקעגן מיין ליד.

(1944)

אנטקעגן טאָג

א.

מיט ווינט און ווינד-און-וויי אין איין אָרקעסטער,
פון פיין און האַס איך זינג דאָס ליד פון בלוט —
ווערטער מיינע, פון קלענסטן ביזן גרעסטן,
קומט און טרינקט זיך אָן
מיט שנאה און מיט מוט.

אויף מיין בייט דער גרינער, אויף לאַנען אויסגעטרוימטע,
האָט דורכגעשפּאַנט מיט העלפאַנט-פיס — פאַרדאַרבער.
פעלדער מיינע, דורך פייער אָפּגערויבטע,
וואָס איז דען פון נקמה
דאָ נאָך האַרבערס? — —

אָרום מיין וואַנט און שוועל — פון בלאַנקער שווערד דער בלענד,
אָרום מיין העלסטן טאָג — דאָס שוואַרצסטע פון די צייטן.
ברידער מיינע, וווּהין געווענדט? —
לאָמיר גיין צוזאַמען
די נאַכט אַרויסבאַגלייטן.

אויף ציג, אויף שאָף און רינד, אויף פאַסטעך דעם געטרייען,
בליי און שטריק-פאַרשלייפטער דורכאַנאַנד נאָך לויערט,
אויגן מיינע, פרילינג ווינטן פרייע,
דאָרט ווישט מען שוין
פון שניי אַראָפּ דעם טרויער...

ב.

אוּן דו, און איך, און אַלע, אַלע, אַלע;
און די, וואָס האָט פאַרפעלט נאָך מוט און גלויבן, —
מיין קינד אין פריען אָנען, מיט אויגן — טרוים און טרויער,
רעדט פון זון און גלויבן,
מיין זון — דער יונגער בויער.

ער האָט אויפגעבויט אַ שיף פון בלאַנקן ווייס פּאַפּיר: —
„מירן פאָרן מיט דער מאַמען, און אַלע גוטע קינדער,
צו וועלט, צו דער באַפרייטער, וואָס זיין וועט ליב, ווי פריער"...
(דערווייל, דער ווינט, דער ווינטער,
דער ווינט — ער ברעכט די טירן.)

דער ווינט און ווינד-און-וויי, דער גרויליקער אָרקעסטער,
מיט קולות נאָנט און ווייטע ווערגט דעם האַלדז און אָטעם,
דיר איוב, אייך — מיליאָנען, ער שרייט אין פּנים: לעסטער!
עס וויינען מיט די טויטע —
די ברידער און די שוועסטער.

אין רויך, אין פייער, אין ליאַרם פון שוואַרצן שבת,
אַ גאַנג אַזאַ אויף צריק פון גרויסער קבורה.
וועגן מיינע, איר פינצטערע קאַנאַוועס,
כ'שפאַן אייך אַריבער מיט אַנזאָג
און — מיט מאָרגן-בשורה.

ג.

ס׳בלויט. עס לעשן זיך די שטערן.
הויז נאָך הויז שטייגט אַרויף אין העלן.
אַ דעמער־ווינט ווישט־אויס אַלע טרערן: —
אַ גוט־מאָרגן אייך
טויערן, טירן, שוועלן.

תכלית־ליכט. ס׳איז פרי אויף אַלע פעלדער.
די גאַנצע ערד אָטעמט־אָפּ — באַפרייטע.
אָנהייב־ציטער, עס באַגריסן זיך די וועלדער: —
שלום, שלום, שלום
דעם נאָענטן און דעם ווייטן.

ס׳גרויט. אָט זעסטו האָריזאָנטן.
עס הייבן זיך די בערג מיט ליד אַנטקעגן מאָרגן.
ים פון הימל טיילט זיך אָפּ. — אַ שאַרפּער שניט, צינאָבער.
די זעגלען זינגען זוניק אויס:
אָ ק ט אָ ב ע ר !

טאָג קומט אָן. ס׳ווערט ליב און נאָענט דאָס אָרט.
אַנטקעגן פאָנט די זון און קושט־אויס יעדן אבר.
וועגן מיינע, אָט איז דער גרויסער פאָרט, —
עס קומען־אָן די ברידער,
די שוועסטער
און דאָס וואָרט.

כ׳וועל גיין מיט אייך

כ׳וועל גיין מיט אייך — רייד פון אַלע צייטן,
ווערטער — צער פון טויזנט וועלטן. —
אַ רעגן איבער לאַנען, איבער בייטן,
אַ זון אויף גרינס צעקוועלטן.

די נאַכט די וויסטע נאַכט פון לאַנגע מעסערס,
וועט ליגן אַ געשאָכטענע אין תהומען. —
כ׳וועל באַפרייען אייך פון הינטער שלעסער,
באַפליישן און באַהויטן אַלע טרוימען.

דער וועג, וואָס ליגט געפאַנגען פון פאַררעטער,
פאַרזייט מיט קרעציקייט און פּעסט,
וועט קושן אונדזער קומען און וועט גלעטן,
שפּרייטן זיינע אָרעמס פאַר די געסט.

און אַז עס וועט צעבליען זיך, דערהייבן,
דער גאָרטן און דער סאַד און דער וואַלד,
וועל איך גיין מיט אייך און בענטשן אַלע צווייגן: —
— אַ גוט־מאָרגן דיר, דו לויכטנדיק געשטאַלט!

שפּעטער וועט דער טאָג שוין זיין אַ קלאָרער,
גאַסן — גרינע, באַצירטע ווי אין חגא׳ס,
וועל איך פירן אייך, איר רייד מיינע, וואָרע,
איבער אַלע קריג־און־ווייען־דור־הפלגה׳ס.

ליכטיקער טאָג

שווער געבויגענע קעפּ! —
אַט לייכט ער, דער טאָג, איבער אייך,
אין די טאָלן פון שרעק און פון טויט —
ער קוואַלט, ווי אַ שטראָמיקער טייך.

פאַרוים די צעשלאָגענע מחנות —
ער שיינט מיט דער פרייד, וואָס אייך פעלט;
זיין קול פאַרטויבט דאָס געלעכטער,
דאָס געשפּעט פון די שעכטער — פאַרשטעלט.

ער שפּאַנט איבער טיפן און הייכן,
זיין טרייסט-וואָרט פון קוואַלן ער שעפּט: —
איר וועט נאָך שטייגן און געלייטערטע גרייכן
די ליכטיקע, אויסגעגאַרטע טרעפּ.

נאָר אַז שטייגן — פאַרגעסט נישט זיין נאָמען,
אַז איר וועט גרייכן, אויף לעפצן דער זאָג
אויף אַלע וועגן פאַרפלאַנצט זיינע זאָמען —
ליכטיקער טאָג!

צום דיכטער אין דער פרעמד

אַ דערוואַכטער אין מיטנאַכט,
אין דער היץ, אין דער שווילער,
כ׳בין אַרויס צו די שוועלן פון מיין לאַנד.
מיט דיין ליד אויף די לעפצן
בין שטיל נאָך ווי שטילער,
און שטרעק דיר אין שטילקייט מיין האַנט.

דו קלאָגסט זיך און איך שטוין: —
אַן „אויסגעברענטער דאָרן״,
וואָס צעשיקט זיין וויי־גרוס איבער ימען?
דער עכאָ צעפאַלט זיך
אין בענקשאַפט און צאָרן, —
שלאָגט זיך אָן אין אויפגעפרישטע שטאַמען.

די ביימער — באַוואַסערט,
די בלומען שוין באַגאָסן,
מיט ליבע באַפּייכט כ׳האָב די גראָזן.
דו וויינסט און איך ענטפער
איבער צער און פאַרדראָסן,
וואָס דער מבול האָט איבערגעלאָזן:

— די היים איז דאָ אָפן,
און אָפן — די שוועלן,
קיינער איז דאָ נישט קיין פרעמדער.
דיין ליד קען דאָ נעסטן,
קאָן וואַקסן און קוועלן,
וועט נישט טראָגן קיין יתומדיקע העמדער.

אַ דיכטער קען גרייכן
די קוואַלן פֿאַרטיפֿטסטע
קוים פֿאַרקנסט ער די ערד ווי אַ ווייב.
דאָס וואַסער איז נישט פֿרעמד
צו דאָרשטיק־פֿאַרליבטע,
ווי דאָס העמד איז נישט פֿרעמד צו דעם לייב.

קומזשע צום קוואַל
און זאָג „וארשתיך"
דער ערד, וואָס ווערט פֿעסטן דיין אָרעם.
אויף דער שוועל פֿונעם לאַנד
וואַרף אַראָפּ דיינע שיך
און באַניי דעם ברית בין הבתרים.

צום גלויביקן

— דוד האָפּשטיינען, אין הײליקן אָנדענק

אַ שטורעם איז אַריין אין מיין צימער
צעפינקלט האָט דאָס בלוי פון מיין שויב. —
דורך ווייען, דורך פיינען, דורך קימער
כ׳האָב דערהערט דיין רוף: „איך גלויב!״

דורך שטרעקעס, דורך רחבותן ווייטע,
דערהערט כ׳האָב דיין זוניקע לויב.
צו אַלע דער וועלטס פיר זייטן
דו שופר׳סט און שאַלסט: „איך גלויב!״

צו ברידער אין ווייען פאַרראַטן,
צו שוועסטער אויף שליאַכן אין שטויב,
צו קינדער — אַ הארציקער טאַטע
מיט רחמים פאַרזיכערסט: „איך גלויב!״

דו טרייסט ביי די טייכן פון צאָרן,
דו וויינסט מיט אונדז אויפן רויב.
היטסט אונדזער ברענענדיקן דאָרן,
מיט שירה, מיט וואָרט, „איך גלויב!״

הער איך — און עס לייטערט זיך העלער
דאָס פּנים פון טאָג, דאָס פאַרצאָגטע.
פון די בערג קומט־אָן אַ באַפעלער —
דאָס וואָרט פון ז י י ן, דאָס געזאָגטע.

דאָס וואָרט וואָס געהערט כ'האָב אין וויגל,
ווען געפעלט האָט אין שטוב ביי אונדז ברויט;
דאָס וואָרט, וואָס באַפליגלט מיט פליגל
אין געראַנגל צווישן לעבן און טויט.

דאָס וואָרט, וואָס געפירט האָט די ברידער
אויף נאַכטיקן גאַנג פונעם גזר,
וואָס רופט צום לעבן צריק ווידער —
געטון האָט פון ליד דיינס אַ שפּאַר.

איז דיין ליד — די בענטשונג די גרויסע, —
דאָס ליבע־געוואָרק פון אַ טויב,
אין בראשית, אין ווערנדיקן דרויסן,
זי שוועבט דאָ אַרום שוין — א י ך ג ל ו י ב!

זי איז דאָ אין די צוויטן פון מאַנדל,
אין גאָלד פון מאַראַנץ און אין טרויב;
אין זאַמד, וואָס אין בייטן ווערט פאַרוואַנדלט,
אין קוואַל ,אין ברונע, אין זשלויב.

ווייל מיט בענקשאַפט פון פּראָסטיקן לאַנד —
דיין וואָרט האָט געטון זיך אַ דערהויב,
גייט איבער פון פיינען די ראַנד
און ריזלט אַהער דאָ...
א י ך ג ל ו י ב!

* * *

עס וועט דאָ בלייבן אַ צייכן אויף תמיד,
אַן אָפּקלאַנג ביי אונדז אין דער טיף,
געווען דאָ, געאַנקערט און ערגעץ פאַרשווומען,
אַן אַנגעלאָדענע שיף.

צעכוואַליעט דער ברעג זיך ביים קומען,
געכוואַליעט, געשוימט אין געקאָך, —
דאָ איז איינער געווען און אַנטרונען
אין אַ טאָג אַזאַ שווערן פון וואָך.

ס'איז בליאַסק פון זון אויף אַ שויב,
ס'איז געוואָרק פון אַ טויב אויפן דאָך,
דערפאַר איז דער ווייטיק, דער צער און לויב
פון איינעם, פון נאָך און אַ סך.

ס'איז פאַרבליבענע ליבע און טרויער,
אַן עכאָ, אַ צייכן, אַן אות,
אויף דער ערד, — ווי אַ חלום אַ בלויער, —
געוועזן, אַוועק — און אויס...

נאָר דאָ בלייבט אַן אייביקער סימן,
אַן אָפּקלאַנג ביי אונדז אין דער טיף:
ס'איז געווען און פאַרגאַנגען אין שווימען,
אַ פולע געלאָדענע שיף.

צו דער בשורה

מיין ליד, וואָס איז אָרעם און נאַקעט,
און צעפּייערט פון אייגענעם פּלאַס,
שלעפּט מיך פון תהום — ביי די האָר.
מיין וואָרט — פון קראַען פאַרקראַקעט,
פאַרשפּיגן, ווי גאָר מיין שטאַם,
קוקט דרייסט אין די אויגן דער וואָר.
אין מיר דער זכר פון אַלע,
וואָס געהייליקט דעם וואַרשעווער פּסח,
איך בין מיט מיין זיין דאָ ממלא
דעם בלויז אין מיין פאָלק — דאָס ווייס איך.

דאָס געוויין, וואָס איך וויין פאַרבאָרגן
פון פיינטלעכן אויג און געהער,
דערפרישט מיך, ווי טוי פון מיין לאַנד.
דער שטראַל, וואָס רייסט־אויף דעם מאָרגן
און ווישט־אָפּ די פאַרהוילענע טרער,
וואַשט־אָפּ פון מיין שוועל יעדע שאַנד.
איך וויין אויפן גורל פון ברידער,
וואָס האָבן פאַרלוירן דאָס האָפן...
איך ווייס, אַז דערוואַכן וועט ווידער
די קראַפט פון חיילן און שטראָפן.

דאָס געזאַנג פון שטייגן באַנייטן,
וואָס עס זינגט אַרום מיר יעדער גראָז —
אַזאַ מיין געזאַנג צו דער בשורה.
דער בלענדענדער טויש פון די צייטן,
וואָס צעצינדט אין מיין פענצטער דאָס גלאָז
פּילט מיך צריק אָן מיט גבורה.
ווייל איך שטייג צוזאַמען מיטן שפּראָצן
פון גראָז און גרינס און בלום,
זינג איך מיין שירה — צו טראָצן
דעם נביא פון נאַכט און אומקום.

דער וועג צוריק

דער וועג, וואָס פירט צוריק
צו לוסטיקן טאָג, צו דעם היינט,
איז פרעמד און פֿיינטלעך מיין שפּאַן.
דער בליציקער לויכט פון דעם גליק,
אין סוד פון די אייגענע פריינט,
איז עלעהיי דאָס געזאַנג פונעם שוואַן.
דעריבער, דאָס אַלץ וואָס זיך איילט
פון שלאַכטישן וועג אויף צוריק,
באַגעגנט מיין פויסט, וואָס ביילט
און טייטלט אַהין: — צוריק!

דער וועג, וואָס פירט אויף צריק
מיין חבר — אין פּיין, דעם אנטווישטן,
האָט קיינמאָל מיין טראָט נישט דערפילט.
די שפּיז, דער גאָז און דער שטריק
פון פינצטערן וואַלד דעם צערווישטן,
זענען נאָך אין מיין אויג נישט פאַרקילט.
דעריבער זיין אייליקער שפּאַן
מיט שנאה און שפּאָט איז פאַראייניקט,
און אמת איז אַלץ נאָך פאַראַן
ווען אפילו דורך וועמען געשטייניקט.

דער וועג וואָס פירט אויף צריק
באַזילבערט מיט טויזנט לבנות,
האָט קיינמאָל צום ברעג נישט דערפירט. —
דאָס נאַכטיקע ליכט אויף דער בריק,
דאָס ליד פון פאַרבאָרגענע כוונות,
האָט קיינמאָל מיין האַרץ נישט פאַרפירט.
אָ, דער שמייכל פון חכמה פאַרשייטער,
דער טרוימען־געשעפטש אויפן אויער...
דער וועג אויף צריק איז ווייטער,
ווי דאָס היטן די היימישע מויער.

רעגן

דאָס ליכט ביי מיין היים איז דערשלאָגן
און טרויערט אַריין אין די שויבן.
אַט אָקאָרשט געוואָלט עפּעס זאָגן. —
אוודאי די בשורה פון גלויבן.

אַט נאָר-וואָס מיט זוניקן פיבער
געפאַרבט דאָס ווייס פון די ווענט.
איבער בערג, פלאַכן און גריבער
דאָס ליכטיקע אויג האָט געבלענדט;

דער פויער פאַרמאַכט האָט דעם שייער
מיט קערנער פון זעט, און מיט פרייד.
האָט אויף ווערן דאָס נאַכטיקע פייער,
ווידער מיט גרויל זיך פאַרשפּרייט.

קומט דער רעגן פון ברכות געטראָגן
און לאָזט פון תיבה אַרוים אַלע טויבן.
אַט אָקאָרשט געוואָלט עפּעס זאָגן. —
אוודאי די בשורה פון גלויבן...

עס דערוואַכן די טאָלן

מיט דיין פויסט האָסט דערלאַנגט אין מיין שלייף,
נאָר איך האָב פון פאַלן זיך דערהויבן.
פון שנאה האָסט פאַרגאַרטלט אַ רייף
אַרום צעלט, אַרום גאַס, — אַרום מיר,
נאָר איך האָב געעפנט מיט יום־טוב די טיר, —
ווייל פול איז מיין וואוינונג מיט גלויבן.

מיט דיין פויסט האָסט דערלאַנגט אין מיין קינד,
נאָר מיין קינד איז מיט בענטשונג באַלוינט.
דיין קללה האָסט געשיקט מיטן ווינט,
זאָל רייסן די ביימער און שטאַמען,
נאָר דער טאָג האָט געלאַכט מיט זוניקע פלאַמען. —
ווייל מיט חן מיין קינד איז באַקרוינט.

מיט דיין פויסט האָסט דערלאַנגט אין מיין שויב,
איז דאָס גלאָז זיך צעפאַלן אין קרישטאָלן.
דיינע יונגען מיט זעק נאָכן רויב,
צו מיין שוועל זענען צו, ווי שאַקאַלן.
נאָר מיין פעלד האָט צעפּראַלט מיט שמחה די קוואַלן, —
ווייל עס דערוואַכן,
עס קומען צום לעבן
די טאָלן.

איך ווייס

מיין הארץ — נאָך נישט באַפרייט איז פון קלעמען,
דאָס גרויסע וואָרט איך האָב נאָך נישט געפונען.
כאָטש דאָס ליכט רינט אַריבער אַלע ברעמען,
כאָטש דער טאָג קומט אין טויזנט זונען.

דעם צער מ׳קען נישט היילן מיט אויסגעטראַכטע רייד;
דאָס וואָרט פון טרייסט — ווער מען קען דאָס רירן?
כאָטש רעגן פול ברכה איבער פעלדער גייט
און בשורה קלאַפּט שוין אָן אין אַלע טירן.

אויף גרויסן וואָרט פון אמת וואָרט אין פּיין מיין גומען. —
איך ווייס, איך וועל דאָס ווען מיט שאַלונג אַרויסזאָגן.
אויף אַלע פעלדער סוד׳ען שוין די בלומען,
און איבער אַלע טאָלן — דער טאָג הייבט אָן צו טאָגן.

(1948)

צו דער שירה

איך טרעף זיך מיט דיר ווייטער
אויף אומבאקאַנטן וועג,
עס נעצט נאָך דורך דער אייטער
די וואונד פון יענע טעג.
איך רוף זיך מיט דיר איבער
אויף ליב־באַקאַנטער שפּראַך,
ביסט טויזנט מאָל מיר ליבער
אין מיטן צעפלאַקערטער נאַכט.

ביסט טויזנט מאָל מיר ליבער
אין ווייטן אויסגעשפּאַנטע
מיט לייב־און־לעבן איך גיב זיך דיר איבער
אויף אופנים נישט געאַנטע.
אין באַהאַפטנקייט פון גופים
דורות, דורות לאַנג —
כ׳בין מצרף אַלע צרופים
פון דיין יעדן קלינג און קלאַנג.

אין זכות פון גלויבן

ליכט אין די שויבן —
מיין מאַמע וועט בענטשן,
דעם טיש וועל איך שפּרייטן מיט ציטער,
אין זכות פונעם גלויבן,
אין וועלט און אין מענטשן,
דיך פירן דורך יעדן געוויטער.

אין זכות פונעם גלויבן,
אין בוים און אין זאַנג,
מירן קומען דער וועלט אַנטקעגן,
מיט שרה בת טובים,
מיט יידיש געזאַנג,
מיר גייען באַגריסן די וועגן.

מיר רופן די געסט
צום יום־טוב פון שלום, —
מירן זיין שוין גלייכע מיט גלייכע.
אין לעצטן פאַרמעסט
פון וואָר מיט חלום —
אין שלאַכט צווישן אָרעם און רייכע.

ליכט אין די הימלען
דעם מערב צעצינדן,
עס פיבערן וועלטס איינגעווייידן.
מירן פירן די וועלט,
ווי אַ זיידן אַ בלינדן,
מירן לינדערן די מענטשנס ליידן.

און איר וועט אויפשטיין

און איר וועט אויפשטייןביים יונגן ליכט, קאַיאָר,
און איר וועט אויפגיין אין מאָרגן־רויט, ווי זריעה,
פאַרוואָר, דער וועג צום נייעם דור
איז געפלאַסטערט מיט בלוט פון דער שקיעה.

און איר וועט פרוכפערן, און איר וועט עפענען די טראַכט,
און אייער אויג וועט באַזעען אָט די שיין,
פאַרוואָר, דער גאַנג פון לעצטער נאַכט
איז דורך שריפה, איז דורך שחיטה, איז דורך פּיין.

און איר וועט זאַמלען אַ זאַמלונג פון די לעצטע,
פון די פּראָסטע, וואָס פאַרבליבן אויפן דנאָ,
פון די באַרוועסע, פאַרשטויבטע און פאַרקרעצטע —
פאַרן שפּראָץ, אינעם דעמערדיקן בלאָ.

און פון אַלע וועגן: — אַלט און יונג, און יונגער
וועלן זינגען דאָס געזאַנג פון יונגן דור. —
— אָ, דאָס איז עס, דאָס געשאַל פון גרויסע זינגער!
און מיטן זינגען וועט אויפברעכן דער קאַיאָר.

זונביקע שווערלן

* * *

פרעג —
און איך ענטפער אויף יעדן דיין פרעג,
זעסט דאָך, ווי ליב מיר דיין פרעגן. —
אַט נאָר־וואָס געגאַנגען אויף צעאַקערטן וועג,
מיט די פעלדער געבעטן אויף רעגן;

נאָר־וואָס געגאַנגען דעם וועג פון דערגרייכן,
צום וואונדער געווען בלויז אַ שפּאַן.
די זון האָט געטריקנט וואַדים און טייכן,
געפלאַקערט איבער בײט, איבער לאַן.

מיר זענען געגאַנגען באַהאַנגען מיט יאָכן,
געבויגן אונטער משא פון שטראָף. —
די שיקמה געשפּרייט האָט שאָטנס פון ברכה
פאַרן פאַסטעך און פאַרבלאָנדזשעטער שאָף.

האָב איך פון וואַנדער געזעצט זיך דאָ רוען
אין היילנדיקן שאָטן פון בוים;
מיין אָרעמען מלבוש, אַ קרוע ובלוע׳ן,
געוואָרפן אַראָפּ אינעם תהום.

מ י י ן ב ע נ ק ש א פ ט

ביסט געקומען צו מיר דורכן חומש,
ווען געפרירט האָט דאָס טייכל ביים פּלויט,
ר׳ סענדערל ט׳פאַרטייטשט דעם „וימש״
און פון אויוון האָט אַרויסגעשמעקט ס׳ברויט.

ס׳איז געווען דאַנערשטיק אויף דער נאַכט,
און איך — אַ ייד, אַ יאָר זיבן; —
בין געגאַנגען מיט לאַמטערל באַוואַכט
און נחת פולע הענט כ׳האָב געקליבן:

כ׳האָב אַ לאַנד, כ׳האָב אבות און אמהות,
כ׳שטאַם־אַרוים פון די גרויסע צוועלף שבטים;
כ׳שטאַם פון משהן, פון זיינע נסים ונפלאות —
די טבת־קעלט פאַרכאַפּט האָט מיר דעם אָטעם.

כ׳האָב אַ לאַנד, כאָטש ווייט דאָס איז פון דאַנען,
כ׳האָב מדבריות, בערג אַ סך, און טאָלן;
כ׳האָב פעלדער, טייכן און האָב ים׳ען. —
דער פראָסט טוט אויף שויבן זיי מאָלן.

דער שוואַרצער רויך — אַן עמוד־ענן פול מיט יראה,
דער שניי־געבלענד — פייערדיקע שטויבן.
כ׳איל מיין גאַנג, דער טראָט זאָל נישט פאַרפּרירן, —
ס׳איז ערב שבת, ס׳שמעקט פון יעדן אויוון.

לאַמטערן ציטערט, ס'ליכטל זאָגט איצט שירה,
עס גייט מיט מיר די פּרשה, וואַרט ביי וואָרט,
דער ווייטער וועג — אַ גלייכער ווי אַ ווירע,
פירט און פירט מיך אַלץ נישט פונעם אָרט.

כ'לאָז זיך לויפן — אַ הונט האָט זיך צעבילט,
עס האָט אַ טיר זיך האַסטיק ווי פאַרמאַכט.
דער קלויסטער, אין תכריכים איינגעהילט,
גייט אַנטקעגן מיט פּחדים-לאַנגער נאַכט.

האָט די בענקשאַפט מיך געהאַלטן וואַך און רומיש,
מיך געגערט מיט חלום און מיט גלויבן, —
די בענקשאַפט נאָכן לאַנד פונעם חומש,
וואָס געמאָלט האָט דער פּראָסט מיר אויף די שויבן.

שפאן

ווייל כ'האב ליב דיך מיין היים,
מיין נייע, —
ווייל איך ציטער פאר דיין שפאן
דעם געאיילטן,
זוך איך תמיד א פארגלייך
און א ראיה,
און גיי אנטקעגן דעם פויסט,
דעם געביילטן.

ווייל איך ציטער פאר דיין לעבן
דעם יונגן,
און האב מורא פאר דיין האסטיקן
שפאן
ווערט מיין קול פונעם ווינט דא
פארשלונגען,
כאטש מיין הארץ איז אומעטום
פארהאן.

כאטש מיין הארץ איז אומעטום
פארהאן,
און נעמט דיין הייסקייט ארום
מיט דער האנט,
שפאן איך ווייטער פון דורות
דעם שפאן,
און בלייב מיט ליבע אליין
אין מיין לאנד.

צו דער ערד

מיין בלוט איז צעגאָסן אויף שטיין און אויף זאמד,
אויף באַרג און אין טאָל, אויף סטעזשקע, אויף שליאַך.
כ'האָב דערהערט דיין רוף, דערפילט דיין שפּראַך —
ווערסט מיר אייגן, ווי ס'איז אייגן די האַנט.

עס דראָעט מיך נישט מער דיין פאַרנעם.
פאַר דיין גרייס, דיין ברייט נישטאָ מער קיין שרעק, —
האָסט דאָ אַ לעבן אַ נייס מיר אַנטפּלעקט —
מיינע תפילות פאַרנעמסט.

עס רופן, ווי מאַמעס אין דעמערדיקער צייט
דיינע גלאָקן, אָ, ערד, צו רו;
אין די גרויסע באַגינענס — באַגילדט און באַקריינט —
קלינגט אין זיי פאָטערלעך קול.

נעם איך דיך אויף אַזוי, ווי דו ביסט: —
אַ האַרטע, אַ בראשיתדיקע און הייסע,
כ'וועל דיך אַקערן און זייען, מיסטיקן מיט מיסט,
כ'וועל שטילן דיין הונגער, ווי אין אַ מעשה...

(1927)

כ׳וועל דיך ווייטער באַזינגען

און איך וועל דיך ווייטער באַזינגען,
וועל רימען דיין טראַט דעם געשטעלטן.
מיין אויג כ׳וועב־אַריין אין די רינגען
פון דיין פרילינגדיקן שלייער דעם צעהעלטן.

און איך וועל דיך ווייטער באַזינגען,
וועל דיך גלייכן צום אינד אין געלויף;
דיין טוי כ׳וועל אַ דורשטיקער שלינגען,
וועל שטייגן מיט דיר באַרג־אַרויף.

כ׳וועל גיין מיט דיר אין די שלאַכטן,
וועל שניידן דיין ווייץ און אים מאָלן.
עס ברענען נאָך אַלץ די פאַרנאַכטן
אויף דיינע בערג, פלאַכן און אין טאָלן.

ביז דער מאָרגן וועט אויפלויכטן העל
און דיין זון וועט צעצינדן מיין שויב,
ביז דיין טאָג וועט גרייכן מיין שוועל —
כ׳וועל דיר זינגען אַ לויב נאָך אַ לויב.

א ו י פ ג ע ש י י נ ט

פון בלויען טאָל, פון שטיינערדיקן וואדי,
דו ביסט אויפגעגאַנגען מיר אַנטקעגן אין קאַיאָר.
שלאָף האָט נאָך געמישט וויזיע, טרוים און וואָר. —

מידקייט האָט געפּרעסט דאָס געמיט
און די טריט איבער זאמדן ביי וויסטן שטיינער־וואלד;
נאַכט האָט נאָך געדרימלט אין די גלידער. —
און דו ביסט אַנגעלאָפן שטראַליק ווי א ווידער
מיט הערנער־ליכט — אַ פייערדיק געשטאַלט.

אַ באַרג־ווינט — שפּילעוודיק, לינד,
האָט אין איילעניש געקילט מיר דעם וועג
צום כרם, ווו געגאַנגען כ'בין באַגין. —
זיבן פייגל צעצוויטשערט אין געיעג;
זיבן בינען צעזשומט אַזוי דין.

און איך בין געגאַנגען און געגאַפט:
וואָס רויטלט זיך אַזוי מיין געזיכט
און דאָס ברויט, וואָס איך טראָג פאַרן היינט? —
אויף די בערג האָט אָפּגעשלאָגן דיין ליכט,
אַ נייער טאָג האָט אין טאָל אויפגעשיינט.

ביים טויער פון דאָרף

דער ניגון פאַרציט זיך.
איך גיי אין זיין כישוף. —
דאָס האַרץ ווערט זאַט און דאָס אויער.
וואַרף־אַראָפּ די שיך
אויף דער שוועל פונעם יישוב,
בלייב שטיין מיט פאַרכט ביים טויער.

ווער גייט דיר אַנטקעגן?
ווער רופט־אָן דיין נאָמען? —
דער מאָטיוו וויברירט פאַר די אויגן.
די צייטיקע פּירות,
פון בייטן די זאָמען,
די תבואה — אין טרוים פון סטויגן.

פון קלעטער־גרינס אַ פּלויט,
און אַ הונט — אַ וועכטער,
די זון צעגאָסן איז ווי לאַווע,
דער ריח פון ברויט,
פון קינדער — ס׳געלעכטער,
און ס׳איילנדיקע וואַסער אין קאַנאַווע.

אַ בוים מיט ציטרינען,
אַ בוים מיט מאַראַנצן,
אוןביימער פון ליד פון די לידער.
שלום דיר, דאָרף,
אַ גוט־מאָרגן אייך, פלאַנצן,
שלום אייך, דאָרפישע ברידער.

ש ב ט

דער דרויסן פול מיט נײַס. —
עס ברייטערט זיך דער הימל,
ער לאָזט זיך מיט די כמאַרעס צו די בערג.
דער מאָרגן לײַטערט זיך, ווערט ווייסער נאָך פון ווײַס
און דעקט אָפּ אין ווייסקייט דאָס גאַנצע ווערק.

די זון גייט־אויף אַ נײַע. —
עס שווימען אָפּ די כמאַרעס,
עס שווימען אָפּ די שיפן פונעם ברעג.
מײַן מיידעלע — אין גאָלדן־בלאָנדענער הוויה,
פאַרפלאַנצט מיט ליבע ביידע זײַטן וועג.

לאַכט מײַן קינד,
לאַכן ביימער, פלאַנצן,
עס לאַכט די זון אַ פאַרחידושטע און מאַט.
פּלוצים, פון די בערג, לויפט־אָן אַ ווילדער ווינט
און לאַכט־אַריין אין מילדן טאָג:

ש ב ט !

ווען דער מאנדל האָט געבליט

ווען דער מאַנדל האָט געבליט, ווייס ווי חרמון־באַרג,
האָט אַ זון זיך דאַן צעשמייכלט בלייך אַזוי און קאַרג
און אַ פרייד האָט זיך אָנגעהויבן, אין דאָרף ברייט געפלאָסן —
ס׳האָט אַ רעגן דאַן גערעגנט און מילד אַזוי געגאָסן.

ווען דער מאַנדל האָט געבליט הינטן טיף אין טאָל
זענען וואָלקנס אָנגעלאָפן און אַנטלאָפן מיט אַמאָל,
האָט דער גאָרטן זיך צעגרינט, זיך צעזונגען און צעקוועלט —
ס׳האָט דער דאָרף זיך צערייטלט, ווי דער מאַנדל זיך צעהעלט.

איז אַ שטראַל אַראָפּגעלאָפן אינם טאָל זיך צעשפּילט
האָט דער מאַנדל זיך צעצייטיקט און ברוין זיך געהילט,
האָט מען זוניק־ברוינע מאַנדלען פולע קוישן אָנגעפילט
איז אַ פרייד אַראָפּ אין דאָרף אין זונען־גאָלד פאַרהילט.

* * *

דו קומסט, —
ווען באַשײנען דעם טאָג,
מיט ליכטער פון רמז און סוד.
ברענגסט אַזאַ לויטערן זאָג,
אַ וואָרט, באַפליגלט ווי גאָט. —

דו קומסט, —
ווען באַקרײנען דאָס זײַן,
מיט אוצרות פון דורות פאַרבאָרגן.
ברענגסט עמערס פולע מיט שײַן,
פון אופיר דאָס גאָלד פאַרן מאָרגן. —

טרינק איך דײַן אָנזאָג, ווי ווײַן,
און גרייך מיט מײַן בליק צו די ווײַטן,
איך זינג דיר אַ תפילה אין פײַן: —
אַ לויב דיר, בײַטער פון צײַטן!

ירושלים

א.

געסלעך אויסגעטראָטענע אין פּיינען,
מינוטן בלויז רוט אויף אייך אַ שניי;
אַזוי אייביק אומאויפהערלעך דאָס וויינען,
און אייביק הייליק געגיי...

וועגן פּאַר חיילות און פּאַר מורדים,
פּאַר תלינים, טרוימער און פּאַרנאַרטע,
פּאַר רייכע, אויפגעקומענע און יורדים —
גאַסן אויסגעוויינטע, אויסגעגאַרטע.

הייף מיט שמות און שפּרוכן,
מיט ריחות אויסגעדעמפּטע פון די ווייען;
נעסטן פול ברכות און פלוכן,
צעפליקטע פון געשרייען.

גאַסן פול מיט היימען פּאַר די געטער,
אַזוי פיל שולן, קלויסטערס און מעטשעטן;
גאַסן פון דערלייזער און פאַררעטער,
פון תפילות, רחמנות און פון שפּעטן...

קוואַרטאַלן אין באַלאַגערונג פאַרקלעמטע,
ווי איר כ׳בין דאָ איינגעהילט אין גרוי,
געסלעך פאַראַבלטע, פאַרשעמטע,
כ׳וועל נאָך זען אייך אין אויפקום, אינעם בוי.

ב.

דיך האָב איך גערופן דורך טרערן און דורך תּפילות,
אין שעה פון רו און ווען געשמיסן מ׳האָט מיין לייב. —
דיין וועג פון גבורה — מיט מיין גאַנצן זיין איך פיל עס, —
פילט־אָן מיט חיות דעם לעצטן איבערבלייב.

דיך האָב איך געלעבט דורך אַלע אַלע דורות;
צו דיר האָב איך געהאָפט אויף אַלע וועגן, —
דערפאַר אַצינד פאַרטרייב איך אַלע מורא׳ס,
און מיט אַן אָפן האַרץ איך גיי דיין הײַנט אַנטקעגן.

צו דיר האָב איך געשמייכלט וויינענדיק אין וויגל;
מיט דיר האָט מיך גענערט מיין מאַמעס זיסער זאַפט.
אַצינד איך שטיי דערשטוינט אין סאַמע העלן עיגול,
נאָך יעדער שחיטה טאָפּלסטו מיין קראַפט.

מיט דיר האָב איך געשאַפן יאָר נאָך יאָר;
און יום־טוב־טעג מיט דיר געטרונקען קידוש. —
אַצינד מיט פולע לונגען פון זינגענדיקער וואָר
איך זינג דיין זיין אויף מיין מאַמעס לשון —
י י ד י ש.

(1948)

באַרג אַרויף

די שעה איז אַ נאַכטיקע, ער קומט אין איר אָן,
די לופט איז שאַרף און איז בלאָ,
ער גייט-אויף מיט די פעלדזן צו דער הויך. —
פון לאַגלען מיט טרערן ער בויט-אויף אַ טראָן
פאַר דעם יונגן ניי-געבוירענעם כוח.

דער הימל — אָן אומענדלעך ווייטער,
די בערג הייכן-איבער איינס דעם צווייטן. —
איז דאָס שוין דער וועג צו דער גבורה?
שטייגט שטאַפּל נאָך שטאַפּל אויף דער לייטער
צו גרייכן דאָס ליכט פון דער בשורה.

זיין יונגשאַפט ברעכט-דורך, רייסט-אויף דאָס געשטיין.
דער מאַמעס ברכה באַגלייט אים.
און דאָס האַרץ גייט איבער, זידט-אויף אינעם ווילן. —
אָ, באַשיץ אים און באַשירעם זיין געביין,
ער זאָל גרייכן דעם ציל פון די צילן.

סקאַלעס לויפן-אָפּ, ווי די ווידערס,
עס מאַכן אַ וואַרע דער קיזל און דער מירמל: —
נעם אונדז איין דור פון באַפרייער!
זיין האַמער זינגט דאָ אוים אַלע לידער
אויפגעגאַנגענע אין סנה׳יקן פייער.

און פון ווייטנס וועקט זיך ירושלים. —
בלויע הייכן שטרעקן אויס אים די אָרעמס.
מאָרגן-ליכט רייט-אַריין אינעם וועג.
די זון פלאַמט-אויף, ווערט אַ בעכער פול לחיים —
ער גייט אַנטקעגן אויפגעהעלטע טעג.

זיין ליכטיקן אָנדענק

עס שטראַלט זיין ליכט אַרוים פון שטיין. ער גענענט אַהער.
עס הילט אים איין די פאָן אין צוויי קאָלירן. —
זיין וועג, — באַלייט פון פייער און פון שווערד,
פירט אים צו צו אויפגעפראַלטע טירן.

ער גייט דערהויבן, באַצירט מיט געלער לאַטע,
זיין גוף צעשטראַלט מיט גבורה — אַ זכר נאָך פון גענשיע: —
„ליבע מיינע, פון פייער און פון בלוט איר זאַטע,
מיט שטאַרקן אָרעם איך קום אייך ווידער בענטשן.

איר געדענקט דעם נס? — איר טאָרט אים נישט פאַרגעסן! —
דאָס רופט צו אייך דער לעצטער ייד פון דאָרטן.
די שיף, וואָס שווימט אַהער אין פינצטערע מעת-לעתן,
זאָל גרייכן היינט די אויסגעקעמפטע באָרטן.

איך רעד פון קאַמף, ווייל אַזאַ איז זי מיין תפילה,
ווייל אַזוי האָב איך געדאַוונט דורות-דורות לאַנג. —
פון זינט משה׳ס ליד, אין די שבת-שירה׳ס קילע,
באַגלייט מיין וועג לויטער קאַמפס געזאַנגען.

מיט מרים׳ס פויק, מיט דבורה׳ס שיר צום זיג,
כ׳בין פאַרפאַנצערט קעגן פּחד און פאַרראַט;
מיט אַלע זינגער — קעגן בלוט און רויב און קריג —
פון ערשטן נביא ביז דוד עדעלשטאַט.

איך גיי צו אייך, איך ברענג מיט זיך די שווערד —
כ׳גיי נישט צוריק, ביז פריי וועט זיין מיין לאַנד!״...
עס וויינט אין צער און ליבע נאָך אים די ערד,
און עס וואַקסט אַרוים פון ליבע דאָ אַ פעסטע וואַנט.

צו יד־מרדכי

אין טאָג פון קיבוץ׳ס פאַלן

טויער פון נגב, זכר פון העלד און העלדן, —
ווי ער דו האָסט געשאַפן אַ יש מאין.
לאָמיר גיין דער גאַנצער וועלט איצט מעלדן:
מיר זענען שטאַרקער פון שטאַרקסטן כלי־זיין.

בלויז דיין נאָמען — אַ געגאָסענער פון שטאָל,
הילט־איין אין שוץ די שוועסטער און די ברידער.
עס גייט דער דור אויף בערג און אין טאָל
דיך באַפרייען, דיך באַנייען ווידער.

דעם מצרים קויל, זיינע פאַנצער־עקיפּאַזשן? —
בלויז אויף רגע׳ם געוואָרן ביזט פאַרלאָזט.
דיין זאַמדנשטויב, — דער מאָך און די מיראַזשן, —
וועט ווידער זיין באַביימערט און באַגראָזט.

דו וויינסט? — עס וויינען דיינע הייזער? —
עס וויינט מיט אויגן־לעבער דיין שטאָלצער טורעם? —
דיר איז באַשערט צו זיין דער באַשפּייזער,
צו פאַרהאַלטן מיט די הענט דעם מדברם שטורעם.

ווייל דו ביזט היים, ווייל זכר ביזט פון העלדן,
ווייל האָסט, ווי זיי, געשאַפן אַ יש מאין,
וועלן מיר גיין דער גאַנצער וועלט איצט מעלדן:
מיר זענען שטאַרקער פון שטאַרקסטן כלי־זיין.

(1948)

אין נגב

ער קומט מיר אנטקעגן,
ער שטרעקט מיר זיין האנט,
ער זאָגט מיר: „גוט־מאָרגן, גוט יאָר!"
ער לאָזט מיך נישט פרעגן,
צי גוט איז דאָס לאַנד. —
„דער הימל איז בלוי און איז קלאָר,

היים דער באַגינען, —
די ערד איז צעפּאַרעט, —
זי איז זיך מזווג מיט מיסטן.
דער שטויב דאָ וועט גרינען.
זיי דאָ און וואַרט —
אין לאַנד פון די זאַמדן, די וויסטע.

נאָך איינער איז צוויי
און צוויי — זענען פיר,
ס'וועט לייכטער אונדז זיין צו דערוואַרטן
פון געבורטן דעם ווײ
און אַ שוועל מיט אַ טיר,
און אַ בליאַסק פונעם ליכט דעם געגאַרטן."

זאָג איך הויך: איך גלויב
אין בייט און אין לאַן
באַרעגנט פון פרייד און פון טרערן. —
אין זאַמדיקן שטויב
בין איך דאָ און איך שפּאַן,
איך שלינג יעדן שאָרך פונעם ווערן.

אין דערמאָנונג

איבער דיינע ברייטע פּלוינען,
איבער ערדן נישט־באַמאַנטע,
דער געלער שטויב לויפט אַרום אַ פרייער, —
דער ריח פון אַלטע וויינען,
נעמען — אַלט־באַקאַנטע
צינדן אָן אין קאַלטער נאַכט אַ פייער:

דער וואַכטל און דער מן,
דער שטעקן און דער שטיין, —
רופסט אַרויס די קינדהייט אין זכרון.
אַז ווילן איז פאַרהאַן
און לידער, און געוויין,
וועסטו טרינקען פונעם וואַסער, פונעם קלאָרן.

וואָך איז דאָ דאָס אויג,
און אַרום דיין הויף דער פּלויט. —
וועכטער, וואָס דערציילט די קאַלטע נאַכט?
דער חלום נאָך אַ סטויג,
באַגער צו אייגן ברויט, —
די בתולה־ערד עפנט אויף איר טראַכט.

נאָר דער משחית שפּאַנט־נאָך אויף דיין בייט,
די זעלבע שלאַכט הויערט ביי דיין טיר;
די לופט — פאַרצייטיק, די זון שיינט אַמאַליק.
אַז דיינע קינדער זענען גרייט
מיט ליבשאַפט צו דיר,
וועסטו אָפּמעקן דעם זכר פון עמלק.

ג ע ז ע ג נ ו נ ג

האָט געשמעקט דער מאָרגן מיט זאַפטן
אויסגעטראָגענע פוןביימער, פון צווייגן,
האָבן אויפגעוואַכט אין אים אַלע קראַפטן
און צעפיבערט זיין וואַקסן, זיין שטייגן.

האָט געפּלאַצט אַ קנאָספּ אויפן מילגרוים
און צעשליידערט די בלעטלעך, די רויטע,
איז אַריין אַזאַ ווילן אין זיין יונגטרוים
און צעפלאַקערט זיין זעאונג, די צעבלויטע.

איז פול שוין מיט פּרוכטן דער קויבער
און מ׳פרייט זיך מיט רייפקייט-ביכורים,
האָט זיין בלאָנדער, פלאַקסענער שויבער
זיך צעווייעט ווי א ווינט, ווי אַ שטורעם: —

ר׳איז שוין גרויס, ר׳איז אַ מאַן אויסגעוואַקסן —
אויך אַ מאַמע מעג דאָס פאַרשטיין.
די בלומען, די זאַנגען, די פלאַקסן
וועלן זען זי זאָל נישט זיין דאָ אליין.

און ער וועט גיין, וועט זיך שלאָגן אין קריג,
און וועט ברענגען מנוחה דער היים.
נאָר די מאַמע, ווי ז׳וואָלט שטיין ביי זיין וויג,
קען ווייטער פון שוועל שוין נישט גיין.

שטייט זי. און עס לויטערן די ווונדן,
און ער שוועבט און פאַרשווינדט ווי אַ טויב.
אויף דער פלוימענבוים האָט די צווייגן צעבונדן
און די פירות אַנטבלויזט פאַרן שטויב.

אין אַ פאַרטונקלונגס־נאַכט

.1

מיין היים איז היינט פאַרמאַכט אויף אַלע לאָדנס,
עס זאָל דער שונא נישט דערזען די שיין.
דער אָוונט רינט אין טויזנטער גענאָדן
און גיסט אַריין זיך, שטאַרק ווי כרמל־וויין.

ס'איז פינצטער, נאַכט, עס שוועבט אַרום געוויין,
און זען דיך וואָלט איך וועלן גאַנץ און שטאַרק!
ס'פאַרשיכורט מיך דאָס וואָרט ווי אַ רעפריין,
איך וויים, איך פיל, דו היטסט דאָרט יענעם באַרג.

.2

ס'איז פינצטער-נאַכט... מ'צינדט נישט קיין שטורקאַצן,
דאָ דרייט זיך נישט אין שוואַרצן היל די וואַך;
מ'פירט נישט דאָ אין מיצן פון פּאַיאַצן
די זיידעס אונדזערע — צו טויט און שאַנד און שמאַך.

און נישט דער צלם זוכט דאָ איצט נקמה —
ס'איז נישט פֿאַררעט ביי נעמיראָוו און ת"ח.
ס'גייט-אויף דער יונגער ייד געדעכטיק אין מלחמה,
דאָס לעבן איינגעוועבט אין רייען פון פּלמ"ח.

.3

דו הערסט דעם רויש? — דער הימל איז מרמז,
דער הימל איז דאָס פעלד איצט פון דער שלאַכט.
דער שטערן־ים אין אָנהייב חודש תמוז
ער פירט דעם טויט פאַרטייעט אין דער נאַכט.

דו הערסט דעם רויש? — די קינדער שוין דערשפירן...
ס׳איז פינצטער, נאַכט, עס שוועבט אַרום אַ לויער.
האַלט פעסט די ביקס! זיי וואַך ביי אַלע טירן!
און לאָז נישט דורך קיין שפּאַלט אַריין דעם טרויער!

(1948)

אַ בוים אונטער ברענענדיקן הימל

אויף פלוינען פון דרום, צעפּעכערט
לויפט אַ ווינט, אַ ווילדער הין און צריק.
אַ ייִנגל ליגט דאָרט. — פון קוילן צעלעכערט
איז זיין גוף, און רו אין זיין בליק.

אויף פלוינען פון דרום — פאַרקוואַרט,
שלאָגט מיט בראַנד אַרוים פון יעדן שפּאַלט.
דאָס פּנים פון ייִנגל איז מילד און צאַרט —
ער זעט אַ טייך, אַ ים, אַ וואַלד...

זיין היטל — אַ זאָק אַ געשטריקטער,
קלעפּט צום קאָפּ — אַ פאַרגליווערטער באַנדאַזש.
דער טאָג פאַלט-איין אַ דערשטיקטער
און דריקט אַראָפּ דעם עלנטן פּייזאַזש.

ער זעט בערג, זעט גראָזן אַ סך —
וויל דערקריכן צו אָט-דעם בוים;
זעט אַ הויז מיט אַ שפּיציק-רויטן דאַך
און עס ריזלט אַ וואַסער אין זיין טרוים.

מיט אַמאָל געזעגנט אַן אשל-בוים
מיט אַזויפיל צווייגן — אַ הדרת פּנים!
דער הימל ברענט איבער מדברם תהום
און טרינקט-אוים זיין וווּנדיק מאַנען.

קריכט ער פּאַמעלעך, האַלט־איין דעם אָטעם,
דערציילט דעם זאַמד זיין לעצט געבאָט.
דער בוים — דער מלך, מיט זיין מלכות־שאָטן
טונקלט אוים אַרום זיך אַליין אַ ראָד.

קריכט ער קוים און דערוואַכט פאַרוווּנדערט:
ווי קומט אַהער אַזאַ מין פּראַכט? —
אַ גרינע קרוין, און ער פאַרוואונדעט,
און זיסער טרוים פון זיג אין שלאַכט...

לויכט ער אויף און קושט דעם בוים,
בעט אים: מאַמע, וואַסער, וואַסער!
קרייזן פייגל אַרום דער קרוין
אין מלכות־שאָטן איז אים היים מבשר...

שלאָפט ער איין, און אין שלאָף — אַ בריוו:
„זיי מיר מוחל פאַר אַזוי לאַנג שווייגן"...
דער טאָג ברענט־אוים. אין נגב טיף
עס דעקט אים צו אַ בוים מיט צווייגן.

פרילינג אין גליל

דער איילבירט-בוים, וואָס שטייט דאָ איינער אויפן באַרג
האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט אַלע שטויבן;
דאַרער שטאַם — און אַזויפיל צווייגן אויפן קאַרק,
מיט אַליוון-הענט טוט הימלען איצטער לויבן.

זיין שמאָלער גוף איז פולער היינט געוואָרן —
ער איז פון קלענסטע דערגאַנגען ביזן גרעסטן!
דער פרילינג שפּילט — אַ פּאַסטעך אויפן האָרן, —
עס זענען פייגעלעך געקומען ביי אים נעסטן. —

יונגער ווערט ער, נעמט אויף זיך געוועבן.
דער מידער גייער מאַכט אַ ברכה ביי זיין שאָטן.
דער מאָלער מאָלט אים: — דאָס אויפגעוואַכטע לעבן!
עס בעט דער פויער, זיינע פּרוכטן זאָלן גראָטן.

גרינט ער און אַ סוד אין זיך באַהאַלט ער,
וואַקסט ער און עס שפּראָצט אין אים דער זאַפט. —
דאָס האָט אַ יינגל אין אַ נאַכט אַזאַ, אַ קאַלטער, —
דאָ געלאָזן אים דאָס בלוט זיינס און די קראַפט.

שאַלט דער באַרג, צעשטראַלט זיך דער גלבוע,
וואַקסט דאָס האַרץ און סקווועלט דאָס גאַנצע חיות.
אין זכרון בלייבט דער ווייטיק און דער טרויער,
נאָר —
עס גרינט דער אַלטער, דאַרער עץ-הזית.

די פּאַרקויפערין פון שפּיגעלעך

די גאַס אין גליאַיקע שטויבן
קילט זיך ביים ים, ביי די כוואַליעס.
צוויי אויגן — צאַפּלדיקע טויבן,
שוועבן אַוועק צו די האַליעס.

דער הימל — אָנגעגאָסן מיט בליי,
טריפט פּלוצים אַראָפּ שווערע טראָפּנס.
אַרום איר איז אַלץ אַזוי ניי,
כאָטש אור־אַלטקייט קרוינט צוקאָפּנס.

דער רעגן האָט סיי־ווי פאַרפעלט,
וויינען עקרות — די זאַנגען.
אויך זי באַוויינט דאָ איר וועלט,
וואָס נאָר־וואָס געווען און פאַרגאַנגען.

שטעלט זי דאָ אוים איר פאַרמעג:
שפּיגעלעך ביליקע צו פאַרקויפן.
דאָ הייבן זיך צריק אָן אירע טעג
אויסגערינענע אין וואַרשעווער הויפן.

רופט אוים די פאַרקויפערין פון שפּיגלען:
„מ'קען שוין ווייטער זיך שפּיגלען פאַר אַ גראָשן!" —
פון אַרום וואַכן־אויף אַלע היגלען,
פאַרנייגן זיך פאַר איר תמימותדיקן לשון.

דער ים שיקט אַרויס אַלע שוימען
זאָלן וואַשן די פיס פון דער עולה,
די טאַנען צעוויגן די קרוינען
און הערן־איין אַ מעשה אַ גרוילע...

ווי אַזוי זי האָט געמיטן אַלע רויבעס
און געשפּאַנט הינטערוועגן איבער פעלדער,
ווי אַזוי זי האָט דערהאַלטן די כוחות
נאָך נאַקעטן געלויף דורך די וועלדער.

די מאַמע? פאַרשוווּנדן,
דער טאַטע? אויף אַ בוים. —
אויפגעהאָנגען ט'אים אַן „אייגענער", אַ שכן.
פאַרוואָר, זי טראָגט אַ טרייסט און אַ טרוים —
אַ נאָמען זי וויל האָבן נאָך אים...

זאָל באַלעבן זיין זכר און באַשיינען,
און עפענען פאַר איר אַלע ריגלען.
איר סחורה זי טוט באַזינגען און באַוויינען: —
„מ'קען שוין ווייטער פאַר גראָשנס זיך שפּיגלען!"...

די גאַס קוקט אויף איר מיט חידוש
און דער הימל, וואָס פול איז מיט פלעקן.
זי רעדט צו אַלע אין געטאָ-שפּראַך — אין יידיש,
אין לשון פון חרובע ביבליאָטעקן.

דער כרמל נעמט-אויף אירע רייד
און טוט שווייגן, ווי עס קען נאָר אַ שטיין.
זי וואָרט און דערוואָרט אַזאַ פרייד,
וואָס וועט קומען צו איר דורך געוויין.

די גאַס קוקט אויף איר מיט ליבע,
און דער ים קילט איר די בראַנד.
אירע שפּיגעלעך, ווי די אויגן, זענען טריבע
און עס ליבט זי מיט ליבע דאָס לאַנד.

איך זינג דיר אַ ליד

לאַנד פון די אבות
איך זינג דיר אַ ליד. —
דאָס געזאַנג פון קילן באַגינען.
איך זינג דיר פון זאַנג, פון טוי און פון שניט,
פון בוים און פון בערג וואָס צעגרינען;
פון וואַסער, פון וואדים; פון שאָטן און שין,
פון ליבשאַפט צו ברידער, וואָס קומען.
איך זינג דיר מיט פרייד, זינג דיר מיט פיין,
דאָס ליד פון דערנער און בלומען.

לאַנד פון די אבות
איך זינג דיר אַ ליד. —
דאָס ליד פון טאָג, פון הייסן.
כ'שטיי ביי די שוועלן פון דיין אויפגעפראַלט געמיט
און דערוואַרט דיינע אורחים פון דרויסן.
איך קנעט דיר דאָס מעל, צעוועלגער דאָס טייג —
קוכנס צו באַקן פאַר די געסט.
איך זינג זייער ליד — אַ פויגל אין שטייג,
וואָס בענקט נאָך די שוואַלבן אין נעסט.

בענק איך מיט זיי
און זינג דיר אַ ליד. —
דעם זמר פון גרויסע גענאָדן.
כ'וויל שטילן זייער ווי,
וואָס שווערט און וואָס דריקט — מיט פיינען באַלאָדן. —
זינג איך צום אָוונט, — זיינע קילע באַלזאַמען,
און זאָל מיך דאָס זינגען פאַרשפּילן;
אין לשון מיין טאַטנס, אין תחינות פון מאַמען, —
אין זמירות איך וויל דיך פאַרהילן.

כחום היום...

שוין אַריינגעפירט די טרויבן אין די קעלטערס;
די שייערן — מיט קערנער אָנגעפילט,
מיט גערנדיקן שניט;
פון פייגן רינט דער זאַפט — האָניג צעקוועלטער,
און עס רייפן שוין צום טעם די גויאַוועס. —
נאָר איך — מיט אַלע גאָלדענע פּאַוועס,
וואָס געפלויגן ווען אין חלום פון מיין מאַמען,
פלי צו דיר פון עקידות און פון פלאַמען.
ווייל ס'איז באַרגאַרויף צום הייסן טאָג
און עס שווערן און מידן מיינע טריט.

איך פלי צו דיר — אין הייסן טאָג —
איבער בית־עולם'ס פּאַרווישטע,
איבער שטעט,
איבער פּאַרקן;
איך קום צו דיר דורך אַלע פיר זייטן,
איבער אַלע געמאַרקן.
(און עס וואַרטן דריי געסט אין חלום און אין וואָר.)
פון וויימן שוין שלינג איך דעם בלומענדיקן ריח
פון דיינע זאַנגען־האָר,
מיינע אָפּגעברענטע פליגל —
דאָס בלייענע געוויכט פון מיין דור —
קריגן ווידער פעדער־פוך פון שוואַלבן,
און דער הייסער טאָג טוט מיך זאַלבן
פאַרן האַר,
פאַרן שר
פון זיין לויכטנדיקער בראַנד.

איך קום צו דיר — אין הייסן טאָג —
מיט אַלע וועגן, מיין לאַנד.
וועסט עפענען פאַר מיר אַלע טירן.
אָ, מיין טרער זאָל נאָר נישט פאַרפרירן
און נישט אויסגיין זאָל די קנויט פון מיין טרוים.
איך גיי צו דיר דורך אַלע טויערן, וואָס פירן
דעם געשטרויכלטן צו לוין,
דעם בלינדן — צו שיין;
וועסט עפענען די יריעות פון דיין געלט
און איך וועל אַריין
אין דער בלויער הייסקייט פון דיין וועלט,
ווי עס שטייט געשריבן: כ ח ו ם ה י ו ם — —

* * *

צי דו קומסט מיט פאַרגעבונג
אין אויסגעבענקטער שעה,
צי אין בלוט איז דיין וועג דאָ
אין פרילינגדיקן בלאָ,
צי געלייטערט אין בשורה:
איך בין דאָ, איך בין דאָ! —
זיי געבענטשט, זיי געלויבט!

צי ביסט קראַפט, וואָס באַפרייט
באַנייט און באַפליגלט,
צי ביסט ליד פון דער מאַמע
ביים היימישן וויגל,
צי ביסט וואַקס שוין צעטריפטער
פאַר מלכותדיקן זיגל —
זיי געבענטשט, זיי געלויבט!

צי ביסט פירער אין מדבר,
צי בלענדנדער מיראַזש;
צי ביסט וואַסער דעם גייער
צוגעטיילט אין פלאַש,
צי ביסט לוין און פאַרגעלטונג
פאַר זעקס מיליאָנען אַש —
זיי געבענטשט, זיי געלויבט!

(15־טער מאַי 1948)

פירען, דניאל׳ן און שרה׳לען —

ליבשאפט

אַלע בערג האָבן אויפגעוואכט גרין

א.

אין שפּעטער שעה, אין בלויען קלייד, האָסט היינט געחנט,
האָסט אויפגעציטערט, ווי פון שלאָף, און שטיל געוויינט,
האָסט אויפגעפלאַטערט, ווי צום פליען; אויסגעשטויסן אויג
און אויער:
פון וואַנעט ציט ער, אַט דער נאָגנדיקער טרויער?

האָסט פאַרטראַכט זיך לעבן מיר: — נישט ווייט צו נייעם טאָג.
אַט די נאַכט — אַן אייזנראָד, קויעלרט זיך באַרג אַראָפּ.
דער נעפּל וועפּט זיך אוים, שוועבט לעבן אונדז פאַרביי,
דער זייגער אין די בערג האָט שוין אויסגעשלאָגן ד ר ײ!

דאָס לעצטע העלע פענצטער האָט פינצטער זיך פאַרמאַכט.
אַ קאַץ איז ווי פאַרגאַנגען, — עס גייט איר אוים די נאַכט.
און דו האָסט ווידער די הענט פאַרבראָכן: פון וואַנען ציט סכנה?
פון שקמה-בוים קוקט אַפער אַ פייער — אַ לבנה.

ב.

אָט זענען מיר שוין ביי דיין היים, — שווער מיר איצט דאָס שיידן.
עס פאַלט דער טוי מילד און קיל, פייכט ער מאכט אונדז ביידן.
איך רייד דיר אוים די שרעק, און זאָג: געננג דיר היינט
דאָס וויינען!
נישט איינער נאָך וועט מיך דערפאַר פאַרשטיינען.

איך שטרעק דיר אוים מיין מידע האַנט, כ׳וועל דיר אַלץ
פאַרגעבן.
נישט איינעם נאָך, אַזוי ווי מיך, וועט פיין און האַס פאַרוועבן.
איך רוף דערפאַר דיך, בעט דיך שטאַרק: הער שוין אויף
צו וויינען!
עס וועט זיי נמאס ווערן בלוט, דאָס ליכט וועט זיי אַנטוויינען.

כ׳וועל נישט לאָזן דיך אַליין אין סוף פון דער אשמורה. —
טויזנט שטערן שוין פאַרגאַנגען און עס בליט נאָך אַלץ די מורא.
שעפטש איך שטיל אַ תחינה דיר: געננג שוין דיר דאָס וויינען! —
מען וועט סיי־ווי מיט דיינע טרערן אַלע שריפות קריינען.

ג.

איך זאָג דיר איצט אַ גוטע נאַכט — כּמעט שלאָף די לעצטע שעה.
דער לעצטער שלאָף אויף אַלע שויבן, דער מאָרגנהימל גראָ'ט.
אַלע גאַסן וואַכן אויף אין גֶעפּלדיקן בלאָ,
אַ מדבר־ווינט, אַ הייסער, וועקט מיט היץ די שטאָט.

אַ ווילד געוויש האָט אויפגעריסן, אויפגעפּראַלט די טיר. —
שאַקאַלן מחנות הונגעריקע האָבן אַנגעיאָגט פון פעלד.
וועל איך דאָ שטיין און היטן דיך, וואַכן איבער דיר. —
באַרג אַרויף דער שטאָט האָט דער הימל אויפגעהעלט.

איך זאָג דיר איצט אַ גוטע נאַכט — עס גייט שוין אום די שעה.
די וואַך אַרום דער שטאָט היט מיך ווו איך בין.
דו מעגסט איצט רויק שלאָפן, איך זאָג עס דיר פאַרוואָר,
אַלע בערג אַרום האָבן אויפגעוואַכט גרין.

ד.

דער הימל שיילט זיך אוים, עס כאַפּט זיך אויף אַ בוים,
פון ווייטן אין די בערג פאַרבט אַ רויטער פּאַס.
דאָס רויטע פון די ווייטן צינדט אונטער איצט דיין טרוים,
פּראַסטיק וועקט דאָס בלאָ זיך אויף דעמערדיקער גאַס.

נאָך איידער שלאָף האָט דיך פאַרוויגט רייסט דיך אויף דער וויי,
שוואַרצער טרויער אין דיינע אויגן פון אַ נאַכט אַ גאַנצער ברענען.
האָט אויפגעריסן מיך דיין שטומענדיק געשריי: —
דעם גאָרטן און דאָס וועלדל וועסט שוין נישט דערקענען...

פרעסט דער רויך, פרעסט דער בראַנד די נאַכט וואָס פאַרגייט,
און די טליענדיקע פייערן — ווי עמיץ וואָלט געלאַכט.
נאָר איך זאָג עס דיר פאַר זיכער, אָט האָסטו אַ באַשייד —
אַלע בערג אַרום האָבן גרינע אויפגעוואַכט.

ה.

אַ גאַנצע נאַכט האָט אָפּגעהילכט אין בלעכענעם דאַך פון צריף.
און אָפּגעהאַקט געשריי פאַרמישט האָט דאָס געפויק.
געהילט אין גראָעם ציר, אין די בערג דאָרט אין דער טיף,
עס צינדט זיך אָן אַ גרויס, אַ בלוטיק אויג.

שטערן־סוד אויף דעכער, דאָס בלאָ איז אויסגעגאַנגען,
דאָס רוישן פון מאַשינען זאָגט־אָן דעם נייעם טאָג.
די זון איז שוין אַ פלאַמיקע פון די בערג אַרויסגעגאַנגען,
באַלייכט די חרובע ביימלעך, באַווייזט זיי פאַרן טאָג.

און איך זע דאָס אַלץ, שריי מיט דיר, רייס פון זיך די קליידער,
עס קוואַלט אַרויס פון מיר דער פיין, עס פרעסט אַרום פאַרדאַכט.
נאָר בעט איך דיך אין גרויען מאָרגן: הער שוין אויף צו וויינען! —
אַלע בערג אַרום האָבן גרינע שוין דערוואַכט...

ו.

ווי אַ וואַסער־פאַל רעש׳ט מיין קול, כ׳קלאַפּ אָן אין דיין שויב.
דער וואַרעם־ווינט צעוויגט זיך שטאַרק, הייבט אויף אַ ווייסן שטויב.
דער מאָרגן גרינט און טרייסט אַזוי — אַ בלעטל און אַ טויב,
איך נעם דיך ביי דער האַנט און גיי דעם באַרג אַרויף.

* * *

כ'האָב דיר אויסגעקושט די האָר.
אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט ביי דיין געלעגער.
ביז דער מאָרגן האָט אויסגעשאַלט:
פאַרוואָר,
עס פלייצט ליכט איבער דיינע וועגן.

ביז דער מאָרגן האָט אויסגעשאַלט. —
און עס נעסטעט נאָך די אימה,
און עס שווימען אום פאַרבליבענע געשרייען.
פאַסטעך-פייף רופט אין פעלד אַרום די בהמות;
און דו זאָגסט אָן ניי-לעבן דורך די ווייען.

און דאָס גראָז האָט דערוואַכט פייכט און גרין,
און די בין האָט זיך צעזשומט מיטן נס;
און אויפגעלויכטן האָט זוניקער באַגין
און רויט האָט זיך צעצונדן בלום און בעז, —

נעם איך אויף אָט-דעם טאָג אין טויזנטער געוועבן,
און טראָג אַרום דיך אויף די גאַסן — בלענדנדיקער סוד!
דו, וואָס גייסט איצט אויף מיט נייעם לעבן,
מאַכסט זיכערער, מאַכסט פעסטערער מיין טראָט.

(22.9.1938)

א ב ר י ו ו

מײַן בענקען גײט־אויף הײנט, ווי פלאַמען,
מײַן חלום — ווי גראָז נאָך אַ רעגן.
איך רוף אײַך — דעם זון מיט דער מאַמען,
איך גײ אײַך מיט ליבע אַנטקעגן.

איך זע אײַך, איר בלאָנדע און צאַרטע,
אין טיול פון חמסיניקע מײַלן;
מײַן הארץ, אין פײַנלעכן וואַרטן,
רופט אײַך און בעט אײַך זיך אײַלן.

אָט איז שוין די זון אויך פאַרגאַנגען,
ס׳איז אָוונט, ס׳איז נאַכט שוין, חצות, —
כ׳בין פול, איבערפולט מיט געזאַנגען,
איך וואַרט אויף אַ צײכן, אַן אות.

כ׳וואַרט, און אין וואַרטן איך ציטער. —
ס׳איז אַ צײַט דאָך פון בײז און פון גרויל,
אָט טראָגט זיך אַהער אַ געוויטער...
רוף איך אײַך הויך אויפן קול: —

קומט אַהײם און דערהײבט מיך פון אומעט,
פולט־אָן צוריק די וואוינונג מיט רײד.
איך וואַרט אײַך מיט ליבע ווי תמיד,
מיט בשורה, מיט שירה, מיט פרײד.

* * *

האָסט אַראָפּגעלאָזט די וויעס,
די אויגן — האַלב פאַרשלאָסן.
די זון אין סאָד איז רחבותדיק געפלאָסן.

האָסט אָפּגעזיפצט טיף,
שטיל אין זיך געוויינט.
דאָס בליאונג פון דיביימער קוקט אַזוי באַחנט.

האָבן מיינע פינגערשפּיצן
דיך געוואָלט איצט פרעגן: —
וואָס איז זיסער — טרערן צי אַ רעגן?...

האָט דיין קני געטון אַ וואַקל,
און די וויעס — אַ צעציטער.
פאַרביי אונדז איז אַדורך אַ שוואַלב אין געפליטער.

מ י י ן ה א ר ץ

מיין עלנט איך פיר אום אויף גאסן, אויף וועגן —
א בער אויף דער קייט!
עס קוקן מיר נאָך דעם וווּנדער, דעם בייזן,
קינדער און קייט.
מיין גליק איז אוועק איבער וועלטן שפּאצירן,
אין ערגעצן ווייט.
איך פיר אום מיין עלנט איבער גאסן און וועגן —
א בער אויף דער קייט.

מיין הארץ איז ארוים צעבלוטיקט צום דרויסן —
א רויז אויף דער בייט!
עס ברעכן די הענט אויף צער, אט דעם גרויסן,
ווייכהארציקע לייט.
מיין געליבטע איז אוועק אין לענדער שפּאצירן,
אויף אן אַדלער זי רייט.
מיין הארץ איז ארוים א צעבלוטיקטס צום דרויסן —
א רויז אויף דער בייט!

פארנאכט

דיין קאָפּ אויף מיין אַקסל,
דאָס קינד אינדערמיט,
מיר הערן דאָס געזשום, ווי אַ תּפילה
זאַלבעדריט.
דאָס שטאַרבן אין דעמער מיט געזאַנג אויף די ליפּן
די פליגן.

פון פעלד קומט־אָן אַ בלויער ניגון. —
אויך די שעה איז בלוי און באַהויכט.
מיר קוקן אַנטקעגן דער פינצטער
מיט לויטערן בליק און מיט כּוח,
און עס פאַלט דער געזשום, ווי טוי אויפן דאַך.

פאַרנאַכט. —
דער הימל איז פאַרגאָסן מיט רויט
און עס בייטן זיך באַלד אַלע פאַרבן;
אויפן פעלד וואַרט ס׳ברויט
אין נאָך־נישט געבונדענע גאַרבן;
און פּחדיק אין דעמער,
מיט געזאַנג און מיט תּפילה,
באַזינגען די פליגן זייער אייגן שטאַרבן.

זוניקער דרויסן

זון אויף מיין דאך. — זוניק דער דרויסן.
זע מיינע הענט, ווי זיי גליען.
דער טאָג איז הייסער,
דער טאָג איז גרויסער —
ער טוט מיר אַ ניגון פֿאַרציִען.

ניגונט דער טאָג. פֿלאַקערט מיין שויב.
איך באָד זיך אין זוניקן פֿייער.
אויף הייסע מעת־לעתן,
ווי פֿון שלאַכטן דאָס זאַקרויב,
איך פֿיר דיר מיין לעבן צושטייער.

אַז דו ביסט מיט מיר, און מיט דיר — דניאל,
שוועב איך און שטייג אינעם ליכט.
מיר שפּאַנען אינאיינעם
גרייכן דעם ציל —
אַ, זע, ווי עס שטראַלט דאָס געזיכט.

מיר קלעטערן צוזאַמען אַרויף און אַרויף,
דאָס האַרץ קלאַפּט הויך, דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק.
דו, און דניאל,
און איך — אין געלויף,
מיר גרייכן די הייך פֿונעם באַרג.

זוניק דער דרויסן, עס פֿלאַמט מיין דאך.
איך שטיי ביי די וועגן
מיט ליבע — אויף דער וואך.

* * *

גרוי דער בין־השמשות.
עס נאָגט אַזוי און נאָגט. —
לאָמיר דאָ באַזאַמען
אַפּוואַרטן דעם טאָג.

דרויסן — שפּעטער דעמער
שאָטנט אויף די ווענט.
אַ שעה אַזאַ פון קלעמען. —
מיר גיבן זיך די הענט.

דרויסן בייט די פאַרב
אויף פאַרבן אַלערליי. —
די שעה איז אַזוי האַרב
אין בלחשדיקן וויי.

דרויסן וואַקסט די נאַכט
אַ ווייטע, אַ באַנגע. —
לאָמיר דאָ אינאיינעם
מאַרגנרויט דערלאַנגען.

פיבערט דיין פּנים און חנט,
און דאָס האַרץ קלאַפּט און שלאָגט. —
ס'איז גרויער בין־השמשות,
עס נאָגט אַזוי און נאָגט.

נ א ר צ י ס ן

.1

מיט לאַנקע שמעקט די גאַס. —
ס'איז נאַס מיין אויג פון פרייד.
נאַרציסן — געל און בלאַס,
איבער ערד דאָ אויסגעשפּרייט.

מיט גרינגס לויכט די שוועל. —
ס'איז העל מיין בליק פון ליכט,
נאַרציסן — ווייס און געל,
און זוניק דאָס געזיכט.

מיט שלום שמעקט דיין ריח. —
ס'איז ווייך די ערד און נאַס.
נאַרציס — ווי דו גיי איך
מבשר זיין דער גאַס.

.2

עס שמעקט מיין גאַס מיט לאָנקע,
מיט פּאַשע, מיט דופטן פון היי,
עס ווינקען אָן די פאַרבן צוויי —
געל און ווייס, ווייס און געל.
ווערט העל מיין בליק אין וואָלקן,
אין ווינטערדיקע ווייען,
מיט זיי איך גיי צו גאַס אַרויס
אין צווייען.

עס פייכט מיין אויג פון אָנזאָג,
פון טיבת׳דיקער שיין,
כ׳בין קיינמאָל נישט אַליין
ווען גראָז און בלימל וואַקסן.
געל און ווייס, ווייס און געל —
כ׳וויל פאַרב און ריח געניסן.
איך גיי מיט זון אַנטקעגן אייך —
נ אַ ר צ י ס ן.

פון איינעם אַ פּרימאָרגן

כ׳וועל אפשר נאָך קענען דערציילן
די גרויסקייט פון יענעם פרימאָרגן, —
ווען געווײן פון ערב געבורט
וואָס געוועזן נאָך פאַרהוילן, פאַרבאָרגן,
האָט געשניטן די הימלען אין פּאַסן;

כ׳בין אַרויס אויף ליידיקע גאַסן
געהילטע אין סודות, אין נעפּל,
געשלונגען דעם ריח פון די סעדער
און געשטיגן טרעפּל נאָך טרעפּל —
אַנטקעגן דעם אויפלויכט פון שטערן.

ט׳געניִדערט אַ טוי פול מיט טרערן
אויף עפּל, אויף מילגרוים און פייגן,
האָבן פייגל געלעכערט די גרויקייט,
פון צווייגן אַרויס, און פון שטייגן,
און אַנטקעגן — דער לויטערסטער שטערן.

האָט דאָס וויינען נישט געקענט מער אויפהערן
ביז צעזונגען אויפן דאַך האָט אַ שפּערל,
און דער אָנזאָג פון נייעם געבוירן
האָט זיך געשנירלט — פּערל צו פּערל,
האָט דער דופק פאַרפּעלט פון דער בשורה
פון ערשטס, וואָס הויערט ביי דער שוועל —
קען זיין, כ׳וועל נאָך קענען דערציילן
ווי דער הימל געוואָרן איז העל.

(8־טער מערץ, 1945)

* * *

ווייל דיין זון וואַרעמט מיין קינד
און זי וואַקסט אַזאַ בלאָנדע און העל,
ווייל עס בליט דער מאַנדלבוים אין ווינט
און אַ שטראַל פאַלט אויף מיין שוועל;

ווייל דיין ליכט רייסט-אויף די אויגן
און וועקט מיך אין פרימאָרגן אויף,
ווייל פון וואָלקנס — די פאַרבן פון בויגן
לויפן-נאָך מיין קינד אין געלויף —

ווערט די פרייד פון ערב זומער צעשאַלט
און מיט בשורה צעזינגט זיך די בין,
עס שטייט מיין טיר שוין אָפן, צעפּראַלט,
און די גראָזן ביי מיין שוועל זענען גרין.

מיין יעדער טאָג

מיין יעדער טאָג איז אַ רויער ערב־יום־טוב. —
איך באַק, און קאָך, און ראַם, ווי מיין מאַמע אין גוטער צייט.
איך פּראַל־אויף די טירן פון מיין אָרעמער וואוינונג,
ווי עס פלעג טון מיין טאַטע און אַלע פרומע לייט.

מיין יעדער טאָג איז אַ שטומער ערב־שמחה. —
איך דערוואַרט אין אים געסט פון אַלע עקן וועלט;
עס רייסט זיך מיין האַרץ קיין מזרח, קיין מערב,
און די אויגן מיינע — צו אַלע וויטן וועלט.

און פירן קאַראַוואַנען אין גרויען בין־השמשות
מיין ערב־יום־טובדיקע תפילה, מיין ערב־שמחהדיק באַגערן,
גייט־אויף מיין בענקשאַפט, ווי געבעט אויף רעגן
און פירט מיך, אַ מידן, דיר אַנטקעגן.

אין ערב זומער

א.

ס'איז ערב סיון.
עס צייטיקט אוים דער פרילינג.
אַ מאַטע הייסקייט קלאַפּט אָן אין מיין טיר.
מיין יעדער בליק, וואָס לויפט אַרוים פון אויג
באַגעגנט בלויז די ליכטיקייט פון דיר.

ס'איז ערב סיון.
אויך איך בין אויסגעצייטיקט. —
מיין תבואה וואַרט אַ זוניקע אויף סטויגן.
מיין בענקשאַפט, וואָס גייט דיר נאָך אין וויי̆טן,
שלאָגט זיך אָן אין גרינס פון דיינע אויגן.

ב.

דער טאָג איז אַ הייסער,
איך רוף דיך צו מיר,
איך קוש דיר דאָס גרינס פון די אויגן.
אַלע וועגן פירן צו דיר —
ביז דער טאָג וועט צום ים זיך פאַרנייגן.

דער אָוונט אַ צעגליטער
הויערט ביי מיין טיר,
אַ ליבשאַפט גייט אויף צו די הייכן;
אַלע וועגן פירן צו דיר, —
עס זאָל נאָר מיין ליבע דיך גרייכן.

ג.

מיין בייט בעט אויף וואסער פונעם ברונעם —
די הייסקייט צעבלימלט דעם מילגרוים.
מיט דער בין איך זינג-אוים דאָס זשומען,
צעפיבערט אין דורשט פונעם קיל-טרוים.

מיין זעונג — צעשמעלצט אין די זונען —
פירט מיך צו דער הויך פון די הייכן;
איך באַשווער דיין טראָט: דו וועסט קומען!
דאָס בלוי פונעם הימל איז דער צייכן.

— — איך בענטש —

א.

איך בענטש דיין שפּאַן אויף וועגן נישט־געאַנטע,
ווו געשפּאַנט דו האָסט מיט מיר ביז אַהער.
איך קוש דיין אויג, איך שלינג דיין טרער,
וואָס פאַלט ווי טוי אויף ערדן נישט־באַמאַנטע.

איך בענטש דיין טראַכט, וואָס אויסגעטראָגן האָט
דאָס גאַנצע האָב און גוטס, — אונדזער גאַנץ פאַרמעג.
איך בענטש דיין גיין אויף מי־באַשערטן וועג,
ווו גורל־בלינד געשטעלט דו האָסט דיין טראָט.

איך בענטש דיין שעפּטש, בענטש דיין קלוגן שמייכל,
וואָס פלאַסטערט אויס דעם וועג־אַרויף צום היכל
און זאָגט מיר צו: אַלץ איז דיר באַשערט! —

שטרעק איך מיינע הענט צום לויכטנדיקן טרוים
און זע: רויט צעצינדט זיך פון בלויעם ים דער זוים,
בענטש איך די זון, וואָס וואַרעמט אַלץ און נערט.

ב.

איך בענטש די זון, וואָס וואַרעמט אַלץ און נערט,
און פירט דיך — אַ שוואַלב — פון נעסט אַרוים צום בוים.
הינטער דיר ליגט אַ פאַרשאָטענער דער תהום,
און אין דיר און אַרום — די גאַנצע וועלט זיך מערט.

פון בלום צו בלום עס טראָגט די בין זאָמען,
דאָס מינדסטע ווערעמל זייגט פון ערד׳ס ברוסט.
אַלץ איז פול מיט ליבע און אומגעהייערער לוסט —
און עס שפּאַרן פון די קוואַלן שפּע׳דיקע שטראָמען.

זאָגן שירה גראָז און זאַנג און בוים,
און די כוואַליע, וואָס גרייכט און קושט דעם זוים,
און דאָס גאַנצע גרינס, וואָס לייכט פון אויגן מיד.

און דו, אין דעם געזאַנג, דוראים ווילסט אַנטפּלעקן,
און ווי אין מיינע חומש-ברידער — ליבע אין מיר וועקן,
בענטש איך דיין באַגער, וואָס וואַקסט אַריין אין ליד.

ג.

איך בענטש דיין ווילן, וואָס וואַקסט אַריין אין ליד,
און עפן מיט דער בענטשונג יעדן ריגל, יעדן שלאָס.
אַלץ ווערט פֿאַר מיר אָפֿן. אויך דאָס ערשטע אות,
וואָס האָט ביי אונדזער שוועל בלומיק זיך צעבליט.

אויך דאָס ערשטע וואָרט, וואָס געהאַט האָט צו דערציילן,
נאָר אַלץ געוואַרט, אַז קומען זאָל דער טאָג;
נאָר אַלץ געוואַרט אויף דיין רמז, אויף דיין זאָג,
וואָס קען אַלע וווּנדן ווונדערלעך אויסהיילן.

איז געקומען חשון. ווינטן. אַראָפּגעפֿאַלן בלאַט.
איז געקומען חשון און די זון איז רויט און מאַט. —
נאָר מיינע לעפֿצן ווערן אַלץ נישט מיד פֿון שירה.

און — כאָטש די טרעפּ פֿירן באַרג־אַראָפּ פֿון היכל,
גיי איך אַלץ נאָך דיין קלוגן שמייכל —
פ י ר ע.

אַ בוים מיט פלוימען

הינטער מיין פענצטער — אין זוניקן גרין,
טוליען זיך פון פלוימענבוים די צווייגן. —
קום איך אַרוים צו זיי אין באַגין
און דאַוון צו זיי אוים מיין שווייגן.

קום איך אריין אין סוד פון די פלוימען
און זעטיק מיין אויג מיטן רייץ.
אַריבער מיין פלוים עס וואַקסן די פלוינעו,
און עס פלייצט דאָ די רייפקייט און פלייצט.

פרייט זיך דער בוים, — די פירות באַווייזט ער —
אַט־אַט און די רייפקייט וועט שרייען.
איעדן צווייג מיט זיין זאַפט באַשפּייזט ער. —
און זיי ווילן פון בוים זיך באַפרייען.

זיי ווילן אַוועק, זיך ערגעץ פאַרפלאַנצן,
זיי ווילן שוין ווערן מיט לייטן צו גלייך. —
אַ בוים צווישןביימער, אַ פלאַנץ צווישן פלאַנצן.
און אַז די זון וועט גליען, וועט קילן דער טייך...

שמייכלט דער בוים און עס רוימלט זיין שמייכל,
דער שאַרך צעטראַגט אים פון פלוימל צו פלוים.
חלומט שוין דער בוים פון דאָרף און פון טייכל
און דרעמלט אַ מידער איין אינעם טרוים.

דרעמלט דער בוים און עס זשומעט די בין,
איך הער ווי עס וויינט דער ווינט אין די צווייגן: —
ווּהין דיין בענקשאַפט, זאָג, בוים, ווּהין? —
און עס ענטפערט דער בוים מיט זיין שווייגן...

גויאַווע מיין ליבע

צי פון מדבר —
ווינט האָט אַ פליץ-געטון ווי לאַווע,
צי אָפּגעלעבט זיין לעבן האָט דער בוים, —
מיין ליבע, באַבלעטערטע גויאַווע
האָט פאַרוואָרפן אין מאַטקייט איר קרוין.

ס'איז טבֿת,
און דער רעגן האָט פאַרפעלט.
און די צווייגן זייגן-איין אַלע דאַמפן.
ווי צו ליכטבענטשן דאָס פנים זיך פאַרשטעלט, —
נישט זען כ'זאָל די בלעטער אין די קראַמפן.

כ'זאָל נישט זען,
מיין גויאַווע אין איר פיין;
נישט זען אירע זאַפטן, ווי זיי רינען.
כ'בין אַרום אין ערבֿ-מאָרגנדיקער שיין,
מיט אַ טרייסטונג צו איר אין באַגינען: —

אַט באַמיסטיק איך,
אַט באַוואַסער איך דעם שטח,
ס'זאָל די טריקעניש נישט פרעסן דיין געביין. —
איך דערהייב זיך צו דיר און איך בעט דיך:
נעם-אויף ווי אַ רעגן, מיין געוויין.

נאָר וואָס איז טרייסט,
און וואָס-געווייַן, קעגן חלפדיקן גזר? —
צי קענען טרערן דעם איינשטילן די בראַנד?
מייַן גויאַווע, פאַרלענדט און שטאַר,
שטייט און וואַרט אויף באַפרייערישער האַנט...

האָט די האַק זי אויסגעלייזט פון לייַדן,
און מיט שטומקייט שרייט אַזוי דאָס אָרט.
די לבֿנה קוקט-אַראָפּ אַזוי באַשיידן,
און עס וויינט אויף איר, אין ליד, יעדעס וואָרט.

אין רוישיקן וואַלד

אין רוישיקן וואַלד פון געפילן
איך שטרעק צו דיר אוים מיינע הענט: —
דו וועסט ווידער פאַר מיר זיך אַנטהילן,
און ווידער — דורך מיר ווערן דערקענט.

קען איך יונג נאָך ווערן, ווי אַ מאָל
און זינגען פאַר דיר מיינע רייד?
אָט שטיי איך שוין נאָענט פונעם טאָל,
עס פאַרפליסט דאָרט אין טייכלעך די פרייד.

אוועקגיין וועט באַלד אויך דער זומער
און דער שניי אויף מיין קאָפּ וועט זיך שיטן.
דער וואַלד וועט שטיין דאָרט אַ שטומער,
מיט ביימער פון שטיין און גראַניטן.

פאַרקלעמט אַזש דאָס האַרץ פון ציטער: —
ציט זיך דער וועג דען נאָך ווייטער?
וואָס שמעקט מיר דיין שטערן מיט צוויטער —
ווער איך גאָר יונגער, פאַרשייטער?...

צעלאַכט זיך מיין טרוים אַזוי הילכיק
און ווייזט מיר דיין ליבע מיט רמז — —
ער לאָזט זיך אַוועק מיטן מילך־וועג
און לאָזט מיך אַליין מיטן אמת.

איך

איך קום נישט אַרויס פֿון מלכים, —
דאָס בלוט פֿון נשיאים פֿליסט נישט אין מיין גוף.
און מיין זיידנס ברכה:
„זיי אַ ייד, וועסטו האָבן הצלחה"
ליגט און דרימלט און וואַרט אויף אַ רוף.

מיין חלום איז קיינמאָל נישט געשטאַנען
מיט שווערדן אָנגעשאַרפֿטע, אויפֿן שפּיץ־באַרג גלבוע;
מיין ליד האָט מיך קיינמאָל נישט פֿאַרפֿירט קיין עין־דור.
ווי מיין טאַטע — אין פֿרייד און אין טרויער —
איך גיי געאָרעמט מיט דער וואָכעדיקער וואָר.

מיט פּיין און מיט וויי פֿון אַ יעדן
איך פֿיל זיך דאָ אָן, ווי אַ לאָגל,
כ'בין מלא פֿרייד — ווען פֿרייד איז נאָר פֿאַרהאַנען.
כ'בין געגאַנגען מיט וואַנדערער אין וואָגל,
שפּאַן איך אויך איצט מיט אַלע וואָס שפּאַנען.

כ'האָב ליב די וואָר און ווייך פֿון נישט־דאָ'ע,
דערווייטער זיך תּמיד פֿון די בעלי־אוב.
אין די רחמימדיקע אָוונט־שעהן בלאָע,
אין די פֿאַרהאָרעוועטע טעג
און אין שלאָף.

אינהאַלט

ווינטיקער אָנזאָג

פרעליוד צום יאָר 1939 . . . 9
טבת 10
שקיעה 11
דעם פרילינג אַנטקעגן . . 12
אין ערב טאָג 14
ערשטער מאַי 15
אין שעה פון גורל . . . 16
עס ווײנט דער הימל . . . 17
דער טאָג האָט פאַרראַטן . . 18
די נאַכט ברעכט איין . . . 19
רייטער 20
שטויב (פּאָעמע) 21

טרערן אין וואָלקנס

איילט אַ ייד און זינגט . . 37
אויף דער שוועל . . . 39
דעמערונג אין די בערג . . 40
עלנט 41
תפילה אין צאָרן . . . 42
א רעגננאַכט 43
וואו ביסטו, מיין ברודער ? . . 44
מיין שוועסטער פערל . . . 47
פערל טענהט מיט גאָט . . . 53
קוק נישט אַהין, סאַמע ! . . 56
דער סאָלדאַט און זיין קינד . . 58
ניי־יאָר אין פייער . . . 59
פון טיפסטער טיף . . . 61
מיין וויי 62
אַלע וואַרטן 64

אין זכות פון גלויבן

עס טאָגט 67
שעה 68
מיט גיכע טריט . . . 69
שוין גרויסער טאָג . . . 70
שטייט־אויף 71
דו געוועסט 73
אַנטקעגן טאָג 75
כ׳וועל גיין מיט אייך . . . 78
ליכטיקער טאָג 79
צום דיכטער אין דער פרעמד . 80
צום גלויביקן 82
עס וועט דאָ בלייבן 84
צו דער בשורה 85
דער וועג צוריק 87
רעגן 89
עס דערוואַכן די טאָלן . . . 90
איך ווייס 91
צו דער שירה 92
אין זכות פון גלויבן . . . 93
און איר וועט אויפשטיין . . 94

זוניקע שוועלן

פרעג 97
מיין בענקשאַפט 98
שפּאַן 100
צו דער ערד 101
כ׳וועל דיך ווייטער באַזינגען . 102
אויפגעשיינט 103
ביים טויער פון דאָרף . . . 104
שבט 105
ו׳ען דער מאַנדל האָט געבליט . 106
דו קומסט 107
ירושלים 108
באַרג אַרויף 110
זיין ליכטיקן אָנדענק . . . 111
צו יד מרדכי 112
אין נגב 113
אין דערמאָנונג 114
געזעגנונג 115
אין אַ פאַרטונקלונגס־נאַכט . . 116
אַ בוים אונטער ברענענדיקן הימל 119
פרילינג אין גליל 121

די פאַרקויפערין פון שפּיגעלעך . 122
איך זינג דיר אַ ליד . . . 125
כחום היום 126
צו דו קומסט 128

ליבשאַפט

אַלע בערג האָבן אויפגעוואַכט גרין 131
כ׳האָב דיר אויסגעקושט די האָר . 136
אַ בריוו 137
האָסט אַראָפּגעלאָזט די וויעס . 138
מיין האַרץ 139
פאַרנאַכט 140
זוניקער דרויסן 141
גרויער בין־השמשות 142
נאַרציסן 143
פון איינעם אַ פרימאָרגן . . 145
ווייל דיין זון 146
מיין יעדער טאָג 147
ערב זומער 148
איך בענטש 151
אַ בוים מיט פלומען 154
גויאַווע, מיין ליבע 155
אין רוישיקן וואַלד 157
איך 158

פון זעלבן מחבר:

אין בלויען ליכט / לידער. אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן קלוב אין ארץ־ישראל. תל־אביב 1937.